LIBRARY OF CONGRESS
0 027 324 950 3

# L. GREENSTEIN'S PHRENOLOGICAL GUIDER

ם
# פרענאָלאָגישער
# פיהרער



**Phrenologist and Publisher.**

**פרענאָלאָגיסט אונד פובלישער.**

New York City, United States America.

## לעזט וואס גרויסע מענגער זאָגען

„אויסער דעם וואס איך בעטראכט פרענאלאגי אלס דיא ריכ־טיגע וויססענשאפט פון געדאנקען, בעטראכט איך עס אויך אלס דיא איינציגע וויססענשאפט ו עלכע מען קען אנוועגדען צו ערציעהען קינדער אונד צו בעהאנדלען פע בירעכער אונד משוגעים.“

D. OTTO, M. D.

פראפ. פון מעדיצין אין דעם אוניווערזיטעט פון קאפענהאגען.

„ביז וואנען איך בין בעקאנט געווארען מיט פרענאלאגי האב איך ניט געהאט קיין ריכטיגען פונדאמענט צו היילען משוגעים.“

SIR WILLIAM ELLES,

דאקטאר פון משוגעים אין מידלעסעקס, ענגלאנד.

„שוין פון א לאנגע צייט בין איך בעקאנט מיט דיא וויססענ־שאפט פון פרענאלאגי, אונד איך דארף זיך ניט וויינערן צו ערקלעה־רען אז איך בין איבערצייגט אין דיא וואהרהייט פון פרענאלאגי עס שטיינט אריבער אללע פריהעריגע סיסטעמען פון אנווענדונגען אונד דאס איז דאס איינציגע וואס איז אימשטאנדע צו ערקלעהרען דיא וואונדער פון געדאנקען.

RICH. D. EVANSON, M. D.

פראָפעססאָר פון פיזיאלאגי, דובלין.

„אללע מאראלע אונד רעליגיעזע בעשטרייטונגען געגען דיא לעהרע פון פרענאלאגי זיינען אין גאנצען ווערטהלאז.“

ARCHBISHOP WHATELY.

JAN 8 1904



ק. גרינשטיין.

# ל. גרינשטיינ'ס

# פרענאָלאָגישער,

## גייסטיגער און קערפערליכער פיהרער

מיט דיא אויפקלעהרונג פון דיא פרינציפען און דיא
בעווייזע פון פרענאלאגי.

וויכטיגע ערקלעהרונגען פיר יעדען מענשען וויא אזוי ער זאל זיך
אויפפיהרען אום צו פערהיטען זיין געזונד קערפערליך
און גייסטליך, אונד וואס פיר א בעשעפטיגונג
ער זאל זיך אויסקלייבען אום צו ...
ערדיינען א'ין ערנאלג.
אויך וועגען הייראטה אונד קינדער ערציעהונג.

# L. GREENSTEIN'S

## YIDDISH PHRENOLOGICAL

## MENTAL AND PHYSICAL GUIDER,

with the principles and proofs of Phrenology.

BF879
.G84

LIBRARY of CONGRESS
Two Copies Received
JAN 8 1904
Copyright Entry
Dec. 10-1903
CLASS a XXc. No.
74399
COPY B

Entered according to act of Congress, in the year 1903,
By. L. GREENSTEIN,
in the office of the Librarian of Congress at Washington.

THE LIBRARY
OF CONGRESS

## נעגעבען בייא ל. גרינשטיין.

דאטום..............................

# פאָררעדע.

דער צוועק פון דיעזען בוך איז צו לערנען יעדען מענשען וואס אינטערעסירט זיך צו וויססען זיינע אָרגאנישע צושטאנדע, וואס צייגען ארויס דעם כאראקטער אונד טאלאנט גייסטיג אונד פיזיש.

אום צו מאכען דאס עררייכבאַר אונד לייכט פיר יעדען, זיינען דיא פאקטען אונד צושטאנדע פערקירצט און אויסגעארבייט אזוי אז עס פערמיידעט ארגומענטען, וויל דיא ריכטיגע צושטאנד פון פרענאלאגי האט איהרע אייגענע בעווייזע. דיא געזעטצע אונד רע־זולטאטען וועלכע זיינען דא בעשריבען זיינען אזוי זיכער אז מען קען זיך אויף דעם פערלאָזען.

אין פארבערייטען דיזע ווערק איז געמאכט געוואָרען איין ארדנונג צו אנאליזירען יעדע פעהיגקייט בעזונדער אונד צו בעשריי־בען דאס אי זיעבען שטופען פון ענטוויקלונג, שאן איינגערעכענט דיא קאמבינאציאָנען פון דיא פעהיגקייט אונד כאראקטעריסטיק וואס קומט ארויס פון אזעלכע קאמבינאציאָנען.

נאך איין צוועק פון דיעזען בוך איז צו ערקלערען דעם כא־ראקטער, דורך דעם וואס עס ווערט בעשריבען דיא אָרגאנישע צו־

שטענדע וואס האבען א ווירקונג אונד צייגען ארויס דעם כאראקטער אין זיעבען שטופען פון קראפט, אונד דיא יעגיגע וואס האבען דיעזע צושטענדע ריכטיג אנגעציינט אין דיא טאבעלע וואס צייגט אן דעם פאראגראף וואו עס ווערט בעשריבען בלויז זייער כאראקטער. אבער אין בעצוג פון אויסקלייבען זיך א חבר, וו ס פיר א פערזאן עס איז בעססער פאססענד פיר א הייראטה אדער א שותף אין געשעפט, אונד צו געפינען אייער ריכטיגע וועג אין פראפעססיאן אדער גע־שעפט, אויב איהר זייט פעהיג צו זיין א געלעהרטער אין ליטעראטור. וויססענשאפט, נעזעטץ, מעדיצין, קונסט אדער אלס אינזיניר אונד אין וועלכע צווייג. וויא צו פערבעססערען דאס געזונד אונד פערליינ־גערען דאס לעבען אונד קיין מאל ניט צו זיין אין איין אונגעווענליכען צושטאנד, ווייל קיין פערזאן האט ניט דאס רעכט צו זיין אין איין קראנקען צושטאנד, פון קינדהייט ביז עלטערע יאהרען, וועט מען געפינען אין אנדערן טהייל פון דיעזען בוך. אונד איבערהויבט וועט איהר ווערט פערלאנגען איין פאלשטענדיגע אונטערזוכונג.

ל. גרינשטיין.

## ערקלעהרונג פון דיא טאבעללע. (נומערן)

דער עקזאמינירער וועט אנציינגען—דיא קראפט, אבזאלוטע אדער פערוואנדעטע, פון יעדע טהייל פון דיינקונגס קראפט אדער פעהיגקייט,—דורך דער צייכען פון מיין ציפער, פונקט אדער שטריך אויף דיא זעלבע ליניע וויא עס איז בעשריעבע; דער נאמען פון דעם אָרגאן אונד דיא קאלומן וויא עס איז בעשריעבען „גרויס" אדער „קליין" לויט נאך דיא גרויס פון דעם אָרגאן וואס איז אנגעצייכענט. אין דיא געדרוקטע ציפערן אין דיא באקס וועט איהר בעמערקע דעם צייכען וואס צייגט אָן אויף דיא זייטען אין בוך וואו עס ווערט בע־שריעבען, אונטער דיא אויפשריפט גרויס אדער קליין אונד דאס גלייכען, דער כא־אקטער פון דיא פערזאָן וואס לאזט זיך עק־זאמענירען אין בעצוג מיט זיינע אָרגאנען.

ווען איין ארגאַן איז ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלט דאס הייסט האלב אויף האלב, ווערט עס פארגעבראכט בייא צווי פיגורען 5 ביז 6, 3 ביז 4 אונד ז. וו. וועלכע עס איז געגליכען צו 5½ אדער 3½. אין אזעלבע פעללע קען מען לעזעןביידע קאפיטלען אונד א מיטטעל מעססיגקייט צווישען דיא צוויי קען בעשטימט ווערען.

דער צייכען + פלוס בעדייטעט איין דריטעל גראד מעהר, און — מינוס, איין דריטעל גראד וויינינגער, וויא דער צייבען וואס צייגט אן, או ף אזא ארט ניט עס א ווירקזאמע, ווערטהפאָללע מאָסס פון איין אונד צוואנציג גראד.

## וואס א פרענאלאניסט שטודירט :—

אנטראפאלאני, דיא שטודיאום פון מענשען.

עטהנאלאני, דיא שטודיאום פון ראססען.

פרענאלאגיע, דיא שטודיאום פון געדאנקען.

אנאטאמי, דיא שטודיאום פון מענשליכע געביידע.

פיזיאלאגי, דיא שטודיאום פון קערפער און דיא ארגאנען,

פיזיאנאמי. דיא שטודיאום פון געזיכט.

ערבשאפט, (ירושה).

היגיענע, דיא וויסענשאפט צו פערהיטען דאס געזונד.

דער מענש איז אימער בעטראכט געווארען אלס דיא אינ־טערעסאנטעסטע שטודיאום, אויף אזוי פיעל דאס דיא קליגסטע אונד געלעהרטעסטע מענשען פון פעשידענע צייטען האבען אבגע־געבען פיעל צייט אונד ענערגיע אום צו אונטערזוכען זיין גייסטיגע נאטור.

---

## מיינונגען פון פארצייטיגע אסטראלאגיסטען (שטערנזעהער).

אמאל האט מען דעם מענשען געשטודירט אסטראלאגיש. דיא חכמים אונד פילאזאפען האבען אמאל געגלויבט דאס דער כאראק־טער, גליק אונד אומשטענדען פון מענשען זיינען אבהענגיג אונד בעאיינפלוסט הויפטזעכליך ביי דעם שטערען וואס ערשיינט ווען זיי ווערען געבארען: דארום איז געווען דיא וויכטיגסטע פראגע אונטער

וועלכען שטערען, פלאנעט אדער לבנה איז ער געבארען. אזוי שנעל וויא מען האט דאס געוואוסט האט מען געקענט מאכען דעם גאנצען פלאן פון זיין לעבען פיר איהם. אזוי וויא מען האט דיא זאכע גרינד־ליכער אונטערזוכט האט מען אויסגעפונען דאס דער מענש קען מאטעריאליש ענדערן זיין צושטאנד נעגען דעם וויא עס איז איהם בעשערט דורכ׳ן שטערען, ער קען ענדערן דיא צושטענדע אין אלגע־מיין, ער קען האנדלען גענען דעם איינפלוס דורך איבערלייגונג אונד פארזיכטינקייט. אויף אזא ארט האט מען אנגעפאנגען איינצוזעהען דאס דער גלויבען אין אסטראלאגיע איז ניט קיין ריכטיגער אונד שטופענווייז האבען דיא מענשען אנגעפאנגען וויינינער צו גלויבען אין דיא לעהרע.

## פיזיאנאמי.

דאן האט מען אנגעפאנגען צו שטודירען דעם מענשען דורך זיין פיזיאנאמי. זיין פיגור, זיין אלגעמיינע געביידע פון קערפער אונד דיא איינצעלהייטען פון געזיכטצינע זיינען אם מייסטענס בעטראכט געווארען, ווייל מען האט געגלויבט אז דאס קומט פון געוויסע צו־שטענדע פון כאראקטער, אונד מאנכע פון דיא פארצייטינע זיינען געוועזען קלוג גענוג צו לעזען דעם כאראקטער פון איינצעלע פערזאנען דורך דיא צייכענס פון דאס געזיכט. אבער אזוי וויא זיי זיינען מעהר בעקאנט געווארען מיט דיא האנדלונגען פון מענשליכען געדאנקען, האבען זיי אויסגעפונען אז דאס געזיכט אונד דיא פיגור פון מענשען

איז ניט גענוג אום ארויסצוצייגען אלע מערקווירדינקייטען פון געדאנקען.

## פיזיאָלאָגי.

נאכדעם האט מען אָנגעפאנגען צו שטודירען פיזיאָלאגיש. מען האט בעטראכט דיא פערשיעדענע גרויס פאָן קערפער און דיא אר־גאנען אלס דיענסטבארקייט פון דעם מענשענס קערפער. אזוי האָ־בען פיעלע געגלויבט. דארום האט מען בעטראכט דאס דיא צור־שטענדע פון מאָטיוו טעמפעראמענט (גרויסע דארע מענשען), דיא היטציגע אדער דיא וואס זיינען פול מיט לעבענסקראפט, דיא צור־שטענדע פון דיא נערוועזע אדער דיא וואס בעזיטצען פיעל געהירען, געדאנקען האבען פיעל צו טהון] מיט דעם מענשען, אונד זיינע נייגונגען היינגט אפ אן דיא ענטוויקלונג פון דיא געגאנטע פ־אק־ציאָנען- דיא גרויס, דיא קראפט, דיא פעטקייט, דיא הויך, דיא קירצקייט אונד זאָ ווייטער זיינען בעטראכט געווארען, פון דיא וואס האבען געוואלט לעזען דעם צווייטענס כאראקטער פיזיאָלאָגיש, אז דאס צייגט ארויס וואס דער מענש איז. דאך האט דיעזע שטודיאום אויך ניט צופריעדען געשטעלט דיא פערזאנען וועלכע זיינען איממער נייגעריג געווען צו דערזעהן עפעס מעהר.

## פרענאָלאָגי.

מען איז געקומען צו דיא איבערצייגונג דאס עס איז נויטהיג אנדערש מיטלען צו דערגעהן דיא נאטור פון מענשען פאָלשטענדיג. עס איז בעמערקט געווארען עהנליכקייט צווישען דיא פאָרם ,אונד

פאַסאָן פון דיא קאָפּ אונד דעם כאַראַקטער פון מענשען, דארום האט מען אָנגענומען דאס אָרגאַנאלאָגי אדער פרענאָלאַגי איז דער שליססעל צו טנדעקען דיא געהיימניסס פון מעטהאפיזישע וויססענ־שאפט.

כיינאהע בייא ענדע פון 16טען יאהרהונדערט האט דער בע־ריהמטער ארצט אין דייטשלאנד דר. גאַלל גענומען אלס הויפט גע־גענשטאנד צו אונטערזוכען דיא פיזיאָלאגי פון דיא מארך, אונד ער האט בעהויפּטעט דאס ער האט ענדעקט צייכענס פון כאראקטער אין דיא געהירען, אונד דאס מען קען עס מיט זיכערהייט שטודירען אלס דעם גרונד פון כאראקטער, דאס אללעס וואס צייגט זיך ארויס אין דאס געזיכט אדער אין בעוועגונג קומט אללעס פון דיא מארך. דיעזער ארט אונטערזוכונג האט געבראכט דעם נאמען פרענאָלאָגי.

דאס ווארט פרענאלאגי שטאמט פון צוויי גריכישע ווערטער: פרען—געדאנקען; לאָגאָס—וויססענשאפט. דיא וויססענשאפט פון געדאנקען אדער א סיסטעמע פון געדאנקען פילאָזאָפי, וועלכע איז געגרינדעט אויף דיא פיזיאלאגי פון דיא מארך. עס צייגט ארויס דיא פערוואנדשאפט צווישען דיא ענטוויקלונג פון דיא מארך אונד דיא האַנדלונגען פון דיא געדאנקען. עס איז צוטהיילט אין א פאל־שטענדיגע סיסטעממע פון געדאנקען אונד מאראלע פילאזאפי פער־גלייכענדיג דיא האַנדלונג פון דיא געדאנקען צו זייערע ערשטע עלע־מענטען.

# דיא פרינציפען פון פרענאלאגי.

פרענאלאגי צוזאממען מיט פיזיאלאגי- לעהרענט אונז פראקטישע אונד נויטוועגדיגע זאכען אין לעבען אונד טהעהיגקייט. אלזא וויא אזוי קען מען לעזען דעם כאראקטער פרענאלאגיש? וואס זיינען דיא פרינציפען פון פרענאלאגיע? דאס זייגען פאלגענדע: דיא מארך איז אנערקענט אלס דער מיטעל דורך וועלכע דער געדאנקען צייגט ארויס דא טהעטיגקייט, אונד אזוי וויא דיא מארך בעשטעהט פון פערשידענע קרעפטע, ווערט עס פעטהיילט אין פערשידענע נערווען. יעדער נערוו איז דער ארגאן פון אבעזונדערע קראפט פון געדאנקען. פערהעלטניסמעססיג אזוי וויא דיא נערוועז שטאף איז אין יעדע געגענשטאנד פון ענטוויקלונג פון מאססע אונד געוועב, איז אויך נאטירליך דא א קראפט אין דיא ארט פון געדאנקען ענטוויקלונג. עס איז ניט נויטוועגדיג זיך צו געבען דיא מיהע צו ערקלעהרען דאס דער געדאנקען איז צוזאממענגעשטעלט פון פערשיעדענע פעהיגקייטען. דאס מיר קענען אויס גיבען מעהר וויא איין זאך אויף א מאל: צום ביישפיל געהן, דיינקען, לעזען, קוקען אונד ז. וו.—וייל יעדע פערזאן ווייס דאס מיר בעזיטצען פערשיעדענע קרעפטע.

נאך איין פרינציפ פון פרענאלאגי איז דאס יעדע קראפט האט א בעזונדערן ארגאן אדער נערוו אין דיא מארך דורך וועלכע עס צייגט זיך ארויס. אונד אזוי וויא מיר ווייסען איז עס אים געגענטהייל אז דיעזע נערוועץ זיינען געמאכט שפעציעל פיר דעם געברויך פון

דיעזע פעהיגקייטען, אזוי וויא דיא אויגען זיינען צום זעהען אדער דיא פיס צום געהען,

נאך א פרינציפּ פון פרענאלאגי איז אז דאס יעדער פערשיע־דענער אָרגאַן פון געדאנקען האט זיין בעזאנדערן פלאטץ אין דיא געהירען. אונד ווען מיר געפינען אויס וואו עס געפינט זיך דער ארגאן פון גוטהערציגקייט, קענען מיר געפינען דעם זעלבען אָר־גאַן אויף דעם זעלבען פלאטץ. אזוי איז אויך מיט דיא אנדערע אָרגאַנען, דיא ליעבע צו קינדער, קוסטיגקייט, פריילינקייט אונד זא ווייטער גראדע אזוי וויא אין פיזיאָלאגי, וועז מען האט אויסגעפונען וואו עס געפינט זיך דיא הארץ אדער ארגאן קען מען עס אימער געפינען אויף׳ן זעלבען פלאטץ. דער אנאטאָמיסט ווייס וואו עס גע־פינגט זיך יעדער נערוו, יעדער אָדער, ביין אדער מוסקול, ווייל אימער בלייבט עס אויף דעם זעלבען פלאטץ, אָהנע ענדערונג. דאס זעלבע איז אויך וואהר מיט דיא אָרגאנען פון דיא מארך, או דאס דארפען מיר ערווארטען, בעטראכטענדיג אז דיא מארך איז א טהייל פון פיזיאָלאָגי.

אנאנדער פרינציפּ פין פרענאָלאָגי איז דאס דער מענש בע־זיצט אללע קוואליטעטען פון געדאנקען וועלכע ער דארף געברויכען. דאס הייסט, ווען דער בעשעפפער זאל פערניכטען דיא גאנצע מענשליכקייט אונד זאל בעשאפען איין אנדער מענשען וואס זאל ערפילען דיא מענשליכע פליכטען וואלט ער געמאכט פונקט אזא מענשען וויא אדם איז געוועז. ווייל ער האט אריינגעגעבען אין אדמ׳ן און אין זיינע נאכפאלגער דיא נויטווענדיגע אייגענשאפטען וואס

גיבען דיא מעגליכקייט צו טהון אללעס וואס עס ווערט געפאָדערט פון דעם מענשען. ווען דער מענש ווערט געבאָרען זיינען זיינע גע־הירען גוט אונד ריכטיג, אונד דיא גיזעצליכע טהעטהיגקייט פיהרט צו גליקליכקייט אונד פאָלקאָממענהייט. דער מענש איז פערדאָרבען, שוואך, ניט פאלשטענדיג דערפאר ווייל ער לעבט ניט נאך זיין אָרי־גינעלע אָרגאניזאציאָן. מיר ערציהען אונזערע קינדער ניט וויא גי־העריג, צוליעב אונזערע אונוויססענהייט אדער דורך אירגענד אנדערע אורזאכען, אונד דורך דעם טרעטען מיר אריבער דאס געזעטץ וואס דארף פיהרען צו פאלשטענדיג גוטע אָרגאניזאציאָן. קינדער ווערען פערדאָרבען ניט דערפאר ווייל דער בעשעפער האט עס אזוי געמאכט, נור ווייל דיא ערציהונג פון דיא עלטערן האט ניט ריכטיג ענטווי־קעלט דאס קינדס געדאנקען, האט קראנק געמאכט זיינע פעהיגקייטען אונד זייא פאלען אנדערע צולאסט. דער מענש וואס איז ניכטער צייגט ארויס זיין פערדאָרבענהייט דורך דעם וואס ער איז ניט ניכ־טער. דער גנב צייגט ארויס זיין פערדאָרבענקייט דורך דעם וואס ער האט געמאכט פון זיך א גנב, ניט דער בעשעפער האט עס גע־מאכט. אויף אזא ארט זיינען מייסטענס אונזערע קינדער פערדאָר־בען אין זייערע האנדלונגען דערפאר ווייל זיי האבען געזעהען שלעכטע ביישפיעלע. דיא ענטוויקלונג אונד אנריכטונג פון געדאנקען הייננט אָב פון בילדונג אונד אומשטענדע אונטער וועלכע דיא פערזאָן געפינט זיך. מיר זעהען אויף אזא ארט דיא נויטווענדיגקייט צו בעגרייפען דיא האנדלונג פון דעם מענשליכען געדאנקען, אזוי אז מיר זאללען קענען האבען א ריכטיגע סיסטעממע פון בילדונג, וואס זאל אנ

צייגען דיא וועג צו קראפט אונד צו ענטוויקלען זיי אזוי אז עס זאל פאסען פיר אונז אונד פיר אונזערע קינדער, אונד צו נעהמען א ריכ־טיגען אנטהייל אין געזעלשאפט.

איך וועל דא בעמערקען דאס דיא ריכטיגע טהעטיגקייט אונד ניהערינע ריכטונג פון געדאנקען מאכט דעם מענשען פעהיג בלויז צו דיעזען לעבען. אזוי ווייט לערענט אונז פרענאלאגי, פראקטיצירען אונזערע געדאנקען לויט דיא גיזעצליכע טהעטיגקייט. אונזער גרעס־טער וואונש אונד האפנונג פ״ר א בעסערען לעבען ווערט אונז געגעבען דורך הייליגען איינפלוסס.

א פרענאלאָגיסט נעהמט אין אנבעטראכט לעזענדיג דעם כא־ראקטער, ערשטענס דעם גאנצען אָרגאניזם, צווייטענס פון וואס ער בעשטעהט. איז עס איידעל אדער גראב אדער מיטטעלמעסיג. דריטענס בעשעפטיגעז מיר דיא קראפט פון דיא געביידע. וויא פיעל געזונד אונד געביידע דיא פערזאן בעזיצט. אויב ער קען לעבען דריי מעת לעת אהנע שפייז, ארער זעקס טעג אהנע שפייז אונד שלאף.—נאכהער בעטראכטען מיר דיא צירקולאציאָן. איז עס שנעל אבער ניט שטארק? איז עס שנעל אונד שטארק? איז עס לאנגזאם אונד שוואך? אדער עס איז לאנגזאם אונד שטארק? וואס עס זאל זיין דער צושטאנד פון דיא צירקולאציאָן, האט עס איטמער צו טהון ונד צייגט ארויס ד א האנדלונג פון געדאנקען. איז דיא בלוט צירקו־לירט אדער ניט צירקולירט, שטייגט אריבער דיא ווארעמקייט אין דיא בלוטען אדער דיא קעלטערע נערוועזע בלוט האט דיא אויבער מאכט? דאן בעשטימען מיר וויפיעל עס איז דאָ לונגען. אויב ער האט

קרעפטינע לונגען, אדער קליינע אונד שוואכע. דאן בעטראכטען מיר דעם צושטאנד פון פערדייאונג. איז עס שטארק אדער שוואך. געזונד אדער קרענקליך, וויפיעל עס פערנעמט דער מאגען פון דיא פערזאן, קען דער מאגען זיין אין גוטען ארדנונג ווען דיא פערזאן זאלל עססען אזעלכע שפייז. נאכהער נעמען מיר אין אכט דיא סיסטעמע פון דיא מוסקולען אונד ז. וו. אונד ז. וו.

## איבערצייגונגען פון פרענאלאגי.

אום פעסטצוזעטצען דיא וואהרהייט פון אירגענד וועלכע וויססענשאפט, איז עס נויטווענדיג פארצובריינגען א גענוגענדע צאהל פון בעוויזע וואס זאל זיין אזוי קלאר אז עס זאל זיין אימשטאנדע צו איבערצייגען דיא פערזאן וואס וועט זיך אינטערעססירען אין דעם אין וועט עס אונטערזוכען.

דיא גרעססטע געגנער פון פרענאלאגי געפינט מען צווישען דיא וועלכע זיינען מיט דעם גאר ניט בעקאנט, דערפאר שטאמט עס וואס דאס אינטערעסירט זוי ניט, און זיי זאגען אפט אז זיי גלויבען ניט אויב עס איז וואהר, און עס קימערט זיי ניט אויב עס איז וואהר.

דאך זיינען דא פיעל וואס אינטערעסירען זיך ווירקליך צו לערנען אונד עקזאמענירען דיא בעווייזע וועלכע עקסיסטירט צו גונסטען פון פרענאלאגי, אונד פיר דיא יעניגע האב איך עס פארברייטעט פאלגענדע בעווייזע.

אללע מעטהאפיזיקער בעשטעטיגען דאס דיא מארך אין דער

אָרגאַן פון געדאנקען. אבער זיי אנערקענען ניט אז עס עקסעסטירט א מעהרצאהל פון דיא ארגאנען. דאך האבען זייא איממער אבגע־טהיילט דיא געדאנקענס אבטהיילונגען. וויא פעראייניגונג, געדאנקען, בעטראכטונגע׳, אונד ז. וו. אלזא בעהויפטע איך, וויא אין אנפאנג; אז דיא מארך איז ניט דער איינציגער אָרגאַן פון געדאנקען. זאנדערן עס עקסיסטירט א מעהרצאהל פון געדאנקען־אָרגאנען, וועלכע שטי־מען מיט געדאנקען, מאראל אונד נעזעלשאפטליכע אייגענשאפטען אונד צו איבערצייגען דיעזע בעהאנדלונג ברייגג איך בעווייזע פון אנאטאמי, פיזיאָלאָגי, פאַטראָלאָגי, דאקטאר־שטודיאום אונד פון דעם פראקטישען לעבען.

דיא אנאטאָמישע בעווייזע זיינען: ערשטענס, דאס אין דיא ארט בעשאפונג פון דיא חיה׳לעך וואס גיבען אם מייסטענס צו־זאמענגעפרעסטע געהירען, צייגען ארויס דיא גרעסטע קראפט אונד אינסטינקט.

צווייטענס: דער אונטערשיעד אין דעם פאסאָן פון דיא גע־הירען פון טהיערע זיינען אין הארמאָני מיט זיין גוט בעוואוסטע נייגונג אדער צושטאנד.

דריטענס: אזוי וויא דיא נערוועז סיסטעם ווערט צוטהיילט אונד פערשפרייט איבער דיא אָרגאנען פון קערפער, האבען מיר גראדע אזוי פיעל גרונד צו בעהויפטען אז דיא געהירען, דער צענטער פון דיא נערוועז סיסטעמ, ווערט צוטהיילט אונד אנגענאמען צו דיא פונקציאנען פו געדאנקען, וואס דיא פרענאָלאָגי ערקלעהרט אלס א פאקט.

דיא פיזיאָלאָגישע בעווייזע זיינען, ערשטענס: אזוי וויא יעדע פונקציאָן אין קערפער האט א געוויסעז אָרגאן, מוזען מיר גלויבען, אום אויפצוהאלטען דיא אַנאַלאָגי, דאס יעדע פונקציאָן פון דיא געהירען האט א בעזונדערן ארגאַן.

צווייטענס: אזוי וויא יעדע גרופפע חיה׳לעך וואס געפינט זיך אויף דער וועלט צייגט ארויס זאנדערבארע אייגענשאפטען, אלזא מוז יעדע גרופפע האבען א געוויסע פארמע פון געהירען, אוב פרענאָלאָגי זאל זיין וואהר, אונד אויף דעם איז דא א גאנצער בארג מיט בעווייזע אום צו איבערצייגען אז דאס איז ריכטיג.

דריטענס: דיא אורשפּרינגליכע אייגענשאפטען זיינען דיא זעלבע ביי אללע גרופפען חיה׳לעך אונד אין יעדען איינצעלנען מענשען, אבער דער אונטערשיעד איז אין דיא גראַד שטארקייט, קראַפט אונד טהעטהינקייט פון דיא קוואליטעט, וועלכע וואלט זיך ניט ארויסגעצייגט אויב דיא געהירען וואלט געוועזן בלויז איין איינהייט,

פיערטענס: אזוי וויא פיזישע בעוועגונגען ערמידעט ניט דעם גאנצען קערפער, אזוי איז אויך גייסטיגע ארבייט ערמידעט ניט דיא גאַנצע געהירען.

דיא פּאטהאלאגישע בעווייזע זיינען, ערשטענס: ראס דיא בעשעדיגונג פון דיא געהירען בעשרענקט אם מייסטענס א טהייל פון דיא גייסטיגע פעהיגקייטען, וועהרענד דיא איבעריגע בלייבען אין א געזונדען צושטאנד.

צווייטענס: דיא מעטהאָדע וויא מען היילט גייסטיגע קראנקהייטען, וויא משוגעת, מאַניאַ, אונד ז. וו. וועלכע מען וואלט אויף

קיין פאל ניט ניקענט היילען מיט ערפאלג אויב עס וואלט ניט גע־וועזן א מעהרצאהל פון איינגענשאפט.

דיא פראקטישע בעווייזע זיינען דיא פרענאלאגישע עקזאמע־נירונג פון בעוואוסטע פערזאנען. דיא בעטראכטונג פון דעם אונטער־שיעד צווישען דיא מענשליכע ראססען אונד זייער פערהעלטניס־מעססיגע פרענאָלאגישע ענטוויקלונגען.

# I.

# קערפערליכע צושטענדע.

## 1.—אָרגאנישע צייכענס.

(7) זעהר גרויס.—איהר בעזיצט א זעלטענע שעהנע עדעלע ארגאניזאציאן. איהר זייט אונטערפווארפען צו אויסערגעוואהנ־ליכע פערגעניגונגען אונד דאדורך שווער ליידען. גרויכע היטצען אונד גרויסע קעלטען מאכען אויף אייך א שטארקע ווירקונג; איבערהויפט קעלטען. איהר זייט מעהר בעשאפען פיר פיינע אונד לייכטע ארבייט איידער צו שווערע אונד פראסטע ארבייט, איהר בעזיצט א פאעטי־שען, ארטיסטען געשמאק, לייכטע שטרעבונגען. איידעלע געפיהלע אונד א נייגונג צו האבען א נאהענטע פריינדשאפט מיט פאנטאזיען וואס שוועבען העכער העכער פיר דאס לעבען פון געוועהנליכע מענ־שע. זייט איהר ניט אומשטאנדע צו טרעפען דאנקבארקייט אונד זייט אונטערווארפען אָפט אונטער אזעלכע ליידען וועלכע קומען פאר

אין דעם אלטעגליכען לעבען. ענטוויקעלט אין זיך מעהר קערפערליכע קראפט,—עסט, טרינקט, שלאפט אונד ווערט שטארק. געוועהנט זיך צו צולעבען מעהר אין דער ווירקליכער וועלט אונד וויינינער אין אידעאלען.

(6) גרויס.—איהר זיט זעהר דעליקאט, היי טאָן אונד איידעל געבויט, געפיהלפאל אונד סימפאטיש. איהר האט איין איי־דעלן געשמאק אין פערגעניגען אונד שטרעבונג, אונד האלט זיך צוריק פון אללעס וואס איז נידעריג, פראָסט אונד שלעכט, איהר זייט געזאננען צו עררייכען דיא העכסטע שטופע אין אייערע געפיהלע אונד האנדלונגען סיי אין גוטעס אונד סיי אין שלעכטעס, אייערע ליידען זיינען שטארק, אונד אייערע פערגעניגונגען זיינען גרויס. אונד אין אלגעמיין זייט איהר צופיעל בעזארגט אדער צופיעל זאָרגלאז. איהר האט א זעלטענעם געשמאק, איהר האט ליעב דאס שעהנע אונד זוכט צייטענווייז דאס גוטעס אונד דעם אמת.

(5) פאָלקאממען.—אייער געביידע איז ניט צו גראָב אונד ניט צופיעל געשניצט אייערע נייגונגען, וויא אייער געביידע פון קערפער צייגט, זיינען צום שטרעבען פיר העכערעס, ניט פיר ניעדריגעס. אויך אייער געשמאק ענטוויקעלט זיך פיר בעסערעס. איהר מוסט אויסמיידען אללע געוואהנהייטען וואס פיהרען צו טהירישע ליידענשאפט אונד געדאנקען צושטערונג, אונד דארפט שטרעבען צו ערהעבען זיך צו א העכערען שטאנד פון דיא פראסטע קלאססע.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט שוואך אונד ערעל גע־בויט. איינפאך אין געשמאק אונד פראקטיש אין אייערע אנזיכטען:

ניט זייער פּאָעטיש אדער געפיהלפאָל. איהר פאסט מעהר פיר דעם געוועהנליכען פראקטישען לעבען, איידער צו ליטעראטור און קונסט. איהר מוזט ענטוויקלען אייער פערשטאנד אויסצוהיטען זיך פון שלעכטע געוואהנהייטען, ווייל איין פארזעהן, ביי א מענשען מיט אזא קערפערליכע געביידע וויא אייערע, קען פיהרען צו מעהרער פארזעהענס אונד ענדליך אין גאנצען ריאינירען.

(3) מיטעל מעססיג.—אייערע אָרגאנישע אייגענשאפטען זיינען ניעדעריגער פון דעם געוועהנליכען, אונד אייערע גייסטיגע אייגענשאפטען צייגען ארויס פוילקייט אונד שוואכקייט. איהר זייט פאססענד פיר געוועגליכע ארבייט מעהר וויא צום שטודירען, אונד איהר זאלט זיך ניט נעמען צו איידעלע אדער געקינסטעלטע ארבייט. איהר מוזט זיך געבען דיא מיהע צו ענטוויקלען אין אייך דעם פערשטאנד אונד דיא אייגענשאפט פון קלוגע, מאראלישע זיטטען, ווייל אייך פעהלט עס צוליעב אייערע נאטירליכע ארגאנישע בעגאבטהייט פון דעם אָרגאניזם, היט זיך אויס מיט אללע מעגליכקייט פון שיכרות, רויבערען אונד שלעכטע בעקאנטשאפט.

(2) שלעכט,—אייער געביידע איז אויסגעוואקסען פון פּראָסטע קערנער, אונד אייער אפעטיט, געשמאק אונד וואונש איז פיר דעם איינפאכען, פּראָסטען זארט, עס איז פיר אייך דיא גרעסטע נויטווענדיגקייט זיך צוריקצוהאלטען פון אייערע ליידענשאפטען, אונד זיין אונטער דעם איינפלוס פון איידעלע לעהרען אונד רעליגיאָן, אונד צו ענטוויקלען דיא פעהיגקייטען פון פערשטאנד אזוי פיעל וויא מעגליך.

## II.—דער צושטאנד פון געזונד.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט פול מיט לעבען. קרעפטיג, שטארק, אויפריכטיג מיט א סך האבענונג אונד פאלקאָמען גע‍טע הארץ, אונד איהר פיהלט דעם גרעסטען פערגעניגען אין דעם ריינעם זינען פון טהירישען עקזיסטענץ,

(6) גרויס.—אללע אייערע ביינער, מוסקולען אונד נערוועז זיינען אין גוטען צושטאנד צום ארבייטען, אונד איהר פיהלט דעם פערגעניגען פון טהעטהיגקייט פון אללע ארגאנען אין אייער קערפער אונד דיא געהירען. יעצט איז דיא צייט ווען איהר קענט ארויסציינגען דיא גרעסטע ווירקונג פון אייערע פיזישע אונד גייסטיגע טהאטען; שטודירען איז אייך גראדע אזוי לייכט און אנגענעהם וויא צו ארבייטען, אונד זייט אומשטאנדע צו פערהיטען דאס שווערע ארבייט אונד זארג זאללען ניט ווירקען אויף אייך צו שטארק.

(5) פאָלקאָם.—איהר בעזיצט פיעל קראפט אונד ענערגיע; איהר קענט ארבייטען שווער אונד אויסהאלטען גרויסע שוויריגקייטען, אבער איהר האט ניט קיין צופיעל קרעפטען צו פערלירען אויף אזעלכע אונטערנעהמונגען וואס קענען קיין נוטצען ברייננגען.

(4) דורכשניטליך.—אייער געזונד איז א נשקש'דיגען צושטאנד, אבער איהר זייט אונטערוואָרפען צו קראנקהייטען, איהר דארפט לעבען רעגעלמעססיג, אונד אויפפאסען גוט אויף אייער געזונד, ניט ארבייטען צו שווער. ווייל דאס וועט פערשוואכען אייער קערפער.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר האט וויינינג לעבענסקראפט, אונד ווערט שנעל אבגעמאטערט. איהר זייט אָפט קראנק, אונד זייט זעלטען פעהיג צו פערלירען א סך פיזישע אדער גייסטיגע קראפט מיט איין מאָל. איהר דארפט זיך אויסהיטען פון צופיעל ארבייט אונד זעהן צו פערדריכטען אייער געזונד. הערט אויף צו פערלירען אומזיסט דיא לעבענסקראפט, אונד גיט זיך דיא מיהע דיא פערלארענע צוריקצקריגען דורך שלאָף, רוהע אונד צושטרייאונג, איהר מוזט זיך אויסהיטען פון רויכען, טרינקען, אדער זיין אויף צו שפעט. איהר דארפט פארמיידען אללע תאוות.

(2) שלעכט.—אין אייך איז פערבליעבען וויינינג קרעפטען, אונד איהר מוזט טהון אללעם וואס עס איז אייך מעגליך צו פערריכטען, איהר מוזט זיך א נעהם טהון אונד בעקעמפפען אייערע קראנקהייטען, קוראזשדרייסטיגטייט, איז גראדע אזוי וויכטיג אין צייט פון קראנקהייט, אזוי וויא עס איז נויטיג ווען מען טרעפט א שונא. א שטארקער ווילען, א פעסטער כאראקטער האט פיעלע לעבענס גערעטעט, האט איממער אין געדאנקען מוטה אונד האָפענונג. זאל דאס זיין אייער מעטהאָדע.

## III.—דער צושטאנד פון לעבענס טעמפעראמענט.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט ליעב פרישע לופט אונד דיא פערגעניגען פון לעבען, אבער שפיעלען איז ביי אייך בעססער וויא שווערע ארבייט, אין גייסטליכען כאראקטער זייט איהר אונטער־

וואָרפען צו שנעלע האנדלונג, ענטהוזיאזם, אונבעשטענדינקייט. פּראַקטיש אונד צו בעטראַכטען א זאַך ריכטיג וויא עס איז. דערפאַר וואַס איהר האַט ליעב גוט צו לעבען, זיין אין פרייליכע געזעלשאַפט, אונד פערברייננגען דיא צייט אין פערשיעדענע אמוזאַנטען, קענט איהר אריינפאַללען אין דיא געוועהנהייט צו שיכר'ן; אלזאָ איהר מוזט שטענגיג זיין אויף דער וואַך, אונד זיך אויסהיטען פון דעם. אויב איהר פאַנגט אן צו פיהלען אז איהר ווערט פעט, אונד עס פערשאַפט אייך אונבעקוועמליכקייט. דער מיטעל דאַצו איז אַרבייט, אונד וועניג עססען. זעהט דאַס אייער קערפּער אונד געדאַנקען זאָללען זיין בעשעפטיגט, זייט ניט צו פויל; צו פיעל עססען איז אייער גרעסטער שונא, אונד קען אייך שאַדען. דורך דעם וואַס איהר וועט זיך צווינגען צו געוואָהנען זיך צו א קלענערען א נד מעס סיגען דיעט, דאַס הייסט אָרדנונג אין עססען, אונד דורך שטאַרקע גייסטיגע אַרבייט. קענט איהר פיעל אויסבעסערען אייער טעמפּעראַמענט. כאַראַקטער.

(6) גרוים.—איהר זייט אין דיא ריכטיגע פּראָפּאָרציאָן, מיט א ברייטע האַרץ, אונד האַט אין זיך פיעל גייסט פון לעבען. אַללע אייערע קנאָכענס אונד ביינער פערבינדונג זיינען גוט געשמירט, אונד אייערע גייסטיגע מאַשינעריי רייבט זיך ניט איינס אן דעם אַנדערן. איהר זייט אומשטאַנדע ארויסצוצייגען פיעל פעהיגקייט אין געשעפט, אונד זייער וויליג צו טהון אייער אַרבייט ווען איהר זעהט א, איהר קענט דאַביי פּראָפּיטירען. איהר נייטיגט זיך שטאַרק אין ענטוויקלען אייערע מאָראַלע געדאַנקען, פּאָזיטיגקייט אונד וויללענס־

קראפט זיך אויסהיטען פון צופיעל עססען, טרינקען אונד אנדערע זאכען צו וועלכע איהר זייט געגיינט. אפטער צוהונגערן איז פיר אייך בעססער וויא יום טוב׳דיגע מאהלצייטען.

(5) פאלקאם,—איהר בעזיצט א היבשע טהייל פון לעבענס־קראפט, אונד האט אין זיך דיא אייגענשאפטען וואס זיינען בעשריע־בען אין נומער 6 אונד 7 אין א פערהעלטניסמעסיגע טהייל. אייך איז מעהר נייטהיג צו פערגרעסערן איידער פערקלענערען דיזע אייגענ־שאפטען. יעדע זאך וואס פערשוואכט אייך מוז אויסגעמיידט ווערען. איהר מוזט לעבען רעגעלמעססיג אונד אסך שלאפען.

(4) דורכשניטליך,—אייער לעבענסקראפט איז גענוג אום צו געבען אייער קערפער אונד גייסט א היבשע טהייל ענערגיע, אונד אום צו אונטערשטיטצען אייער לעבען אונד געזונד פיר דיא קינפ־טיגע וואהלזיין אויב איהר וועט זיך ריכטיג אויפפאססען, אבער איהר מוזט עס פערבעסערן מיט דיא מיטלען פון דיעט, גוטע געוואהנהיי־טען, רעגעלמעססיגקייט, נאהרהאפטע שפייזען אונד ז, וו. בעוועגונג אונד רוהע, שלאפען וויפיעל אייער נאטור פאדערט, זוכט צו פער־ברייננגען גוט דיא צייט, דאס לעבען זאל אייך ניט פאלען צו לאסט׳ עסט געוועהנליכע אבער נאהרהאפטע שפייזען, האט הנאה פון אייער לעבען, לאכט אונד ווערט פעט.

(3) שוואך ענטוויקעלט.—אייער קערפערליכע גע־ביידע האט אין זיך ווייניג ענטוויקלונג פון לעבענס קראפט אונד דארום זייט איהר שוואך אונד ווייניג בעאיינפלוסבאר: איהר דארפט האבען אסך רוהע אונד שלאף. אונד איהר דארפט זיך אבהיטען פון

צופיעל אנשטרענגען אייער קערפער אדער גייסט (זעה פריהענדיגען קאפיטעל 4). איהר דארפט שטענדיג אנווענדען אללע מיטלען צו פערגרעסערען אייער לעבענס קראפט.

(2) זעהר שוואך ענטוויקעלט.– איהר האט אין זיך וויניג לעבענס קראפט אויפצוהאלטען אייער קערפערליכע אונד גייסטליכע פעהינקייטען אין בעוועגונגע. דיא ביסעל קראפט וואס איהר בעזיצט מוזט איהר האלטען אלס א קאפיטאל, אלס א מיטטעל דאס צו פערגרעסערן, אזוי וויא עס איז בעשריעבען אין דעם פאריגען פונקט, איהר דארפט פערשטאפען דיא לעבער פון וואנען עס רינט, אונד גיט א געלעגענהייט דעם טייך פון לעבען זאל זיך אנפיללען. לעבט פון פראצענט, אנשטאט פערצעהרעןביידע זאכען, פראצענט אונד קאפיטאל וואס דאס פעראָרעמט אויף אזוי פיעל אז עס איז ניטאָ מעהר קיין האפענונג וויעדער אויפצובויען.

## IV.—דיא קראפט פון אטהעם.

(7) זעהר גרויס.—אייערע אָרגאנען מיט וועלכע איהר אטהעמט זיינען גאנץ גוט ענטוויקעלט, אונד טהוען זייער ארבייט פאלקאממען. אייער אטהעם איז פריי אונד טיעף זא דאס ער בעוועגט דיא בויך-מוסקעלען טיעף גראדע אזוי וויא דיא לונגען, אונד פיללט אָן דיא ברוסט פול מיט לופט ביי יעדען איינאטהעמען. דעם עפעקט פון דיא ווירקענדע קראפט אונד טהעטהיגקייט קען מען מערקען פון אייערע ווארעמע הענד אונד פיסס, לייכטע בעוועגונגען אונד האפנונגספאללען אונד דרייסטען גייסט.

(6) גרויס.—איהר האט א גוט ענטוויקעלטע ברוסט אונד אייער אטהעם איז אויסגעצייכענט, אזוי וויא עס איז בעשריעבען אין נומער 7, נור אין א עטוואס שוואכערען גראד.

(5) פאָלקאָם.- אייער אטהעמונגס־קראפט אין אלגעמיין איז גרעסער וויא געוועהנליך, אבער אויב אייער געוואהנהייט איז צו זיטצען צופיעל אויף איין פלאטץ, דאן וועט איהר מוזען געברויכען קינסטליכע מיטלען צו פערגרעסערן אייערע לונגען אונד צו טרייבען דיא בלוט אין קערפער.

(4) דורכשניטליך.—אייער אטהעמונגס קראפט איז בלויז מיטעלמעססיג, אבער איהר האט אין זיך א גרויסע טהייל ווארעמקייט אונד דורך ריכטיגע בעוועגונגען קענט איהר האלטען אייערע הענד און פיסס אין א ווארעמען צושטאנד. איהר דארפט אנ־ווענדען מיטלען צו פערגרעסערן אייער ברוסט.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר אטהעמט צו ווייניג אום אייערע בלוטען זאללען האבעז דאס ריכטיגע לעבענס־קראפט, איהר פיהלט אָן זעלטען דיא לונגען מיט לופט. דיא ברוסט בעוועגט איהר גאנץ ווייניג, אונד דיא בויך־מוסקולען ביינאהע גאר ניט. איהר זייט געניינט צו פערקילונגען, וואס דאס קען ווירקען אויף דיא לונגען אייערע הענד אונד פיסס זיינען קאלט, אונד בלויע אָדערן שטארצען ארויס. איהר מוזט ענטוויקלען, פארבעסערן דיא קראפט פון אטהעם אונד פערברייטען אייער ברוסט, דאס קען בעשטימט פערבעסערט ווערען, אבער איהר מוזט זיין פארזיכטיג אז דיא בעוועגונגען אונד דיא מיטלען זאללען אייך ניט צופיעל אנשטרענגען אונד אויסמאטערן.

(2) שוואך.—אייערע אָרגאַנען דורך וועלכע דער אטהעם פון קערפּער ווערט ארויסגעגעבען, זיינען וויינִיג ענטוויקעלט. איהר ערקעלטעט זיך שנעלל אונד הוסט אָפט, אונד זייט אונטערוואָרפען שווינדזוכט; נור אַזוי וויא אייערע לונגען זיינען ניט אנגעגריפען, קענט איהר האָפּפען צו פערמיידען קראַנקהייטען, פערבעסערען אייער אטהעמס קראַפט אונד געזונד, אין אַלגעמיין דורך ריכטיגען ארט לעבען, און דיא נויטווענדיגע קערפּערליכע ענטוויקלונג, איהר דאַרפט טיעף אריינאטהעמען, פערגרעסערן אייער ברוסט. אונד איהר דאַרפט האבען בעוועגונג אויפ'ן פרייען לופט. לופטעט אייערע צימערן, ווען איהר זיצט. שטעהט אדער געהט זאָלט איהר זיך האַלטען שטייף. וואַשט אָפט אייער האַרץ מיט קאַלטע וואַססער. דאַביי זאָלט איהר רייבען מיט'ן האַנד אַזוי לאַנג ביז דיא בלוט וועט זיך ארויסזעהן, דאס הייסט דאס לייב וועט ווערען רויט.

## V.—דיא בלוט צירקולאַציאָן.

(7) זעהר גוט.—איהר האט א פּראַכטפאָללע צירקולאציאָן; א שטארקען אונד רעגעלמעססיגען פּולס (דופק). איהר שוויצט לייכט; אונד זייט אימשטאַנדע צו ערטראַגען גרויסע קעלט אדער היטץ אהנע צו פיהלען אומבעקוועם.

(6) גוט.—אייער צירקולאַציאָן איז אין אַלגעמיין גוט. אייערע פיסס זיינען זעלטען קאַלט. איהר ליידעט וויינִיג פון א ריינעם קאַלטען וועטער, אונד איהר ווערט ניט שנעל ערקראַנקט.

(5) פאַלקאם.—אייער צירקולאַציאָן איז נישקאשעדיג.

אָבער איהר ברויכט צו בעוועגען אייער קערפּער אום עס זאל האל־טען ווארעם דיא פיס אין קאלטע וועטערן, איהר קענט עס אויס־בעסערן דורך טהעטיגקייט מיט בעשעפטיגונג אונד רוהע.

(4) דורכשניטליך,—אייער צירקולאציאָן איז ניט בע־זאָנדערס גוט, אונד צייטענווייז פיהלט איהר א שוידער אונד קאלט אין דיא הענד אונד פיסס. געוועהנט זיך צו שנעלע בעוועגונגען־איבערהויבט אין קאלטע וועטערן, אום דיא בלוט זאל זיך רעגעל־מעססיג בעוועגען אין קערפּער.

[3] מיטעלמעססיג.—אייער צירקולאציאָן איז שוואך. איהר זייט גענייגט צו האבען קאלטע הענד אונד פיסס. קאפּ־שמער־צען, א קלאפּונג אין הארצען אונד א טרוקענע הויט; איהר קענט ניט ערטראגען שטארקע היטץ אדער קעלט. איהר דארפט האבען שנעללע בעוועגונג אונד טיעפּע אטהעמונג. אזוי וויא עס איז פריהער געשריעבען.

(2) שוואך.—איהר האט א שוואכע אונד ניט קיין רעגעל־מעססיגע צירקולאציאָן. אונד ליידעט פיעל פון דעם וואס עס ענדערט זיך דער וועטער. איהר פיהלט אָפט א קאלטען שוידער, אפילו ווען דער וועטער איז ווארעם, איהר ליידעט פון קאָפּ שמערצען, אנדריקונג אויף דיא מארך אונד האט קאלטע הענד אונד פיסס. אויב איהר קענט ערטראגען א טערקישע באד, וואלט עס אייך פיעל גוטעס טהון. אויך א לעבליכע, ניט קיין צו הייסע פוסס־באד. שנעלל רייבען דיא הענד אונד דיא פיסס, געהען אונד אטהעמען איז זעהער גוט פיר אייך. גליטשען שיפּען אונד ז. וו. אבער זעהער פארזיכטיג.

# VI.—פערדייאונג.

(7) זעהר גוט.—אייער פערדייאונג איז בענאהע פאלקאממען. איהר קענט עססען אירגענד וועלכע שפייז אונד דארפט נים מורא האבען אז עס וועט אייך פערשאדען.

[6) גוט,—אייער פערדויאונגס קראפט איז שטארק, אייער הנאה פון שפייז איז זעהר גרויס, איינפאכע, נאהרהאפטע שפייז איז פיר אייך אם בעסטען. איהר זייט אומשטאנד צו מאכען דאס דיא שפייז וואס איהר עסט זאל געבען נאהרונגס קראפט דעם קערפער.

(5) פאלקאם איהר האט א גוטע פערדייאונג אבער עס איז ניט אזוי שטארק אונד קענט פערדארבען ווערען פון א שלעכטע שפייז אדער ניט קיין גוטע געוואהנהייטען אין עססען. איהר מוזט זיך אויסהיטען פון, שווערע שפייז אונד אזעלכע זאכען וואס איז שווער צו פערדייען. רעגולירט דיא מאס פון עססען נאך אייער שכל, ניט נאכ'ן אפעטיט.

(4) דורכשניטליך.—איהר האט א געוועהנליכען פערדייאונגס קראפט. אונד מוזט זיין פארזיכטיג דאס ניט צו פערדארבען דורך צו פיעל עססען אדער געברויכע פון אויפרעגענדע שפייזען אונד געט-אנק.

(3) אונד (2) מימעלמעססיג אדער שוואך.—איהר זייט אינטערוואורפען צו דיספעפסיא (א קראנקהייט וואס קומט פון אונפערדייאונג); איהר האט אפט א שלעכטען אפעטיט. איהר ליידעט פון אונפערדייאונג, דער רעזולטאט דערפון איז דאס

איהר ווערט אונגעדולדיג. אונצופריעדען, שלעכט געלוינט אונד אומעדיג. דיא ערשטע אונד וויכטיגע זאך פיר אייך איז דאס איהר זאלט זעהן אויסצובעסערן אייער פערדייאונגס קראַפט. עסט געוואהנ־ליכע שפּייז וועלכע איז לייכט צו פערדייען אונד וואס גיעבט נאה־רונג פיר'ן קערפּער: עסט ניט צופיעל; צוקייט גוט איידער איהר שלינגט אראונטער דעם ביססען. רעדט. לאַכט אונד אמוזירט זיך ביים עססען, גיט זיך דיא טיהע צו זיין מונטער, דאנקבאר אונד צופריע־דען, היט זיך אויס פון אונאנגענעהמע געדאנקען, זייט וואס מעהר אויף'ן פרייען לופט. לופטערט גוט אייערע צימערן. אונד געוועהנט זיך צו אטהעמען טיעף אונד מאכען בעוועגונגען וואס זאל פערגרע־סערן אייער ברוסט, דאס וועט אינדירעקט פערבעססערן אייער מאגען; היט אללע געזעטצע וואס איז ש'יך צו געזונדהייט. בעסערט אויס אייער אונפערדייאונג מיט פיעל צערשרייאונג, אבער ניט מיט ריי־צענדע שפּייז אדער געטרענקע.

## VII.—מאָטיוו טעמפּעראמענט.

(7) זעהר שוואך ענטוויקעלט.—אייער קערפּער איז צוזאַממענגעשטעלט פון קרעפטיגע ביינער וואס זיינען ארומגע־נוממען מיט גענוג מוסקולען אום עס גוט צוזאמען צו האלטען, אונד דיא פלייש איז געדיכט, שטארק אונד קרעפטיג. אין פיעלע טהיילען פון אייער קערפּער שטארצען ארויס דיא ביינער. איהר האט ליעב טהעטהיגקייט, קרעפטיגע ארבייט אונד זייט אומשטאַנדע אויס־צוהאלטען דויערענדע קערפּערליכע אונד גייסטיגע ארבייט. אין

אין כאראקטער זייט איהר זייער ענערגיש, פעכט געשטעלט. בע־שטענדיג אונד איהר האלט זיך אימער ביי דאס אייעריגע. איהר זייט פאסענד פיר א טהעהיגען לעבען אונד אזעלכע אונטערנעהמונ־גען וואס זאללען אייך געבען ענערגיע בעשטענדיגקייט אונד א פרייע וועג צום שטייגען.

(6) שטארק.—אייער געשטאלט אונד כאראקטער איז אזוי וויא עס איז בעשריעבען געווארען אין (7) אבער אין עטוואס א שווערערען צושטאנד. איהר האט געפיהל אונד לידענשאפט, אבער איהר בעזיצט א שטארקען כארעקטער אונד ווייסט וויא עס צו קאנ־טראלירען. אייער געדאנקען מוז אימער זיין בעשעפטיגט מיט'ן קלארען זינען פון אָפענהערציגקייט, וויססען וויא צו שעטצען זיך אליין, א ריינעם נעוויססען אונד גוטע טהאטען אונד אפהיטען זיך פון שלעכטע נייגונגען. ווייל א מענש מיט אייערע אייגענשאפטען ווען ער פאנט אָן צו טהון שלעכטעס אדער געהן אין א שלעכטע וועג, דאן איז ער זעהר שלעכט. איהר זייט פעהיג צו גרויסע זאכען. אבער איהר דארפט זיך קענען קאנטראלירען אונד צוריק האלטען.

(5) פאלקאם.—איהר האט א גרויסע טהייל פון בעוועגונגס קראפט, איהר זייט פול מיט מוטה אונד ענטשלאָססען. איהר שרעקט זיך ניט פיר ארבייט אדער פיר אירגענד איין אונטערנעהמונג. אייער געשמאק אונד פעהיגקייטען פאססען פיר אייער טהעטהיגען לעבען.

(4) דורכשניטליך.—אייער בעוועגונגס קראפט איז ניט קליין, אבער עס קען ניט אויסהאלטען ווען איהר זאלט צופיעל

אנשטרענגן אייערע מוסקולען אדער דיא געהירען. איהר קענט אר־בייטען שווער אבער איהר האט ניט ליעב קיין שווערע ארבייט, אונד איהר וואלט זיך וועלען בעשעפטיגען מיט לייכטע ארבייט ביי וועלכע איהר זאלט מעהר צייט דארפען זיטצען. איהר דארפט ענטוויקלען א קראפט אין דיא מוסקולען אונד איין נייגונג צו טהעטיגקייט דורך אזעלכע בעוועגונגען וואס ענטוויקעלט דיא ביינער אונד קראפט.

(3) מיטעלמעססיגע ענטוויקלונג.—איהר בע־זיטצט ניט צופיעל בעוועגונגס קראפט, אונד האט ניט גענוג קרעפ־טען פיר דויערענדע ערשעפונג. איהר גלייכט בעססער צו זיטצען אדער ליגען איידער צו בעשעפטיגען זיך מיט אירגענד וואס. ענטווי־קעלט דיא קראפט פון אייערע מוסקולען.

(2) שוואך.—דיא קרעפטען פון אייערע מוסקולען זיינען גאנץ ארעם, אויך דער אימפעט וואס רעגיערט איבער אייערע קרעפ־טען איז פעראייניגט מיט דיא בעוועגונגס קראפט. איהר דארפט גוט אויפפאססען אונד ענטוויקלען דיא בעוועגענדע גליעדער. געהן, לוי־פען, שיפען, שווימען אונד גימנאסטיק, זיינען אללע גוטע בעווע־גונגען. איהר דארפט עס אין אנפאנג טהון וויינינ אונד פערגרעסערן לויט דעם וויא אייערע קרעפטען פערגרעסערן זיך. איהר קענט זיך מיעד מאכען, אבער צור זעלבע צייט דארף עס אייך זיין אומבעקוועם. איהר דארפט ניט ערשעפען צופיעל פוןידעם קליינעם צאהל ענערגיע וואס איהר האט.

## VIII.—גייסטיגע אייגענשאפטען.

(7) זעהר גרויס ענטוויקעלט.—איהר זייט איידעל געבויט מיט קליינע ביינער, אונד דיא מוסקולען זיינען ניט בעזאנ־דערס גרויס ענטוויקעלט, אין אלגעמיין זייַען אללע אייערע גליעדער ני ט קיין גרויסע אונד דיא אָרגאנען זיינען אין א גוטען צושטאנד. דיא געהירען וועגען אריבער דעם קערפּער, אונד אייער גייסט האט א שטארקען איינפלוסס אויף אייער קערפּערליכען צושטאנד. איהר האט א פיינעם געשמאק; שנעל אונד איידעל אין אייערע האנדלונגען: זייער שנעלל אונד איידעל אין בעגרייפען. געמיטליך, סימפּאטיש, שטרעבענד. ערנסט. שטרענג אונד איהר ווערט שנעלל אויפגערעגט, לויט דעם וויא אייער קערפּער איז געבויט זייט איהר פּאססענד פיר ליטעראריש אונד א־טיסטישע ארבייט. אויב איהר וועט זיין איין מעכאניקער, א פאבריקאנט, אדער א סוחר, איז פיר אייך מעהר פּאססענד דיא טחיילען בעשעפטיגונג וועלכע עס איז לייכטער אונד מעהר עלעגאנט.

(6) גרויס ענטוויקעלט.—איהר זייט כאראקטעריי־זירט אזוי וויא עס איז בעשריבען אין (7) בלויז אין א קלענערען פאָרמאט; איהר זייט געניינט צו גייסטיגע פערגעניגען מעהר אלס צו טהירישע, איהר האט ליעב ליטעראטור אונד קונסט; איהר זייט שטרעבענד. מיט א קלארען געדאנקע, אונד בעטראכט אללעס גענוי, וויטציג, גוט ענטוויקעלט, פרעכטיג. אונד זייט פּאססענד צו שטעהן אין א העכערע שטופע פון ליטעראטור, קונסט אונד וויססענשאפט,

ווען איהר האט דאצו געהאט דיא נויטיגע גייסטיגע בילדונג. איהר דארפט זיך אויסהיטען פון אירגענד וועלכע אויפרעגונג, אויך פון צו־פיעל רייצענדע געטרענקע. וויא אויך פון צופיעל דויערענדע גייסטיגע אויפרעגונג.

(5) פאלקאם ענטוויקעלט.—איהר זייט גייסטיג גוט בעגאבט, אונד ווערט גערעכענט דאס איהר קענט רעדען אונד שרייבען מיט גרויס עפפעקט (ווען איהר זאלט האבען דיא נויטיגע בילדונג) אונד מאכען א גוטען איינדרוק אין פערווירקליכען אייער געדאנקען. דערפאר וואס איהר זייט ניט אזוי געפיהלפאלל אונד צו איידעל קענט איהר זיך פערטראגען מיט מענשען פון פערשיעדענע קלאססען, אונד האבען איבער זיי א דעה, ווייל אייער פערשטאנד איז מעהר ענטוויקעלט. אונד אויך ווייל איהר זייט קרעפטיג אונד האט פיעל לעבען אונד בעוועגונגס קראפט.

(4) דורכשניטליך.—איהר האט א היבשע טהייל גייס־טעס בעוועגונג, אונד דורך דיא גילעגענהייט פון זיין געבילדעט זייט איהר אומשטאנדע זיך צו האלטען גוט אין א פיינע געזעלשאפט: אבער איהר זייט בעססער פאססענד פיר האנדווערק, מעכאניזם אדער צו געשעפט איידער צו דיא גילעהרטע פראפעסיאנען.

(3) מיטעלמעססיג ענטוויקעלט.—איהר האט ניט קיין ריכטיגע ליעבע צו ליטעראטור אדער קונסט, אדער צו שטו־דירען. איהר זייט אומשטאנדע איינצושלאפען איבער א גוטען בוך, איהר זאלט ענטוויקלען א געוואהנהייט צו לעזען.

(2) שוואך ענטוויקעלט.—איהר זייט ניט אים־

שטאנד צו בעגרייפען אזאך גלייך צום אנפאנג, אונד קענט ניט שנעל פערשט.הן זאגאר דיא איינפאכסטע וואהרהייט. אייער אור-טהייל איז ניט זעהר ריכטיג אונד איהר נייטיגט זיך אין עצות פון א העכערען פערשטאנד, נעהמט אן גוטע עוצות אונד ריכטעט זיך נאך זיי.

## IX.—טהעטהיגקייט.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט זעהר טהעטיג, איהר האט לייכט-בעוועגענדע גליעדער אונד זייט שנעל אין אלגעמיין. אייער גייסטיגע טהעטיגקייט איז שנעל אונד אויספיהרליך. איהר זייט אימער אויפריכטיג, וויססענד אונד פרעכטיג. איהר זייט אימ־שטאנדע זיך איבערצוארבייטען אונד ווערען פריצייטיג ער־עשעפט.

(6) גרויס.—איהר האט איין אונרוהיגע. טהעטיגע אונד לעבהאפטע נאטור. איהר רעדט שנעל, בעגרייפט גלייך אונד ענט שליסט זיך גלייך וואס עס איז צו טהון. איהר זייט אין געפאהר צו פערלירען אייערע קרעפטען אונד טהעטיגקייט דורך צופיעל איבער־ארבייטען זיך.

(5) אונד (4) פאלקאם אדער דורכשניטליך.—איהר האט א היבשע טהייל טהעטיגקייט, אבער איהר זייט זיך מישב אונד טראכט איבער דאפיר אונד דאנגען איידער איהר ענט־שליס זיך צו טהון. איהר זייט ניט פויל. אבער איהר גלייכט לייכ־

טערע ארבייט מעהר אלס שווערע, אונד שפּילען אדער פערברייננגען נאך מעהר.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט לאנגזאם אונד איבערלייגענד אין אייערע האנדלונגען. איהר זייט זעלטען צו איבער־היילינ, אונד איהר נעהמט גענוג צייט פיר איבערלייגונג. אייער גייס־טיגע האנדלונגען זיינען צו לאנגזאם, אונד בעמערקט א וויטץ וועה־רענד דער געלעכטער איז שוין פאראיבער. זייט אויפריכטיגער.

(2) קליין.- איהר זייט צו לאנגזאם צו ברייננגען נוטצען זיך אליין אדער אירגענד וועמען.—ניט טהעהיג גענוג. בעמיהט זיך צו ענטוויקלען דיא קאפּט פון טהעטיגקייט. איהר זאלט איממער האבען וועך עס זאל אייך שטיין איבערן קארק אונד טרייבען איהר זאלט טהון אייער ארבייט.

## X.—אויפרעגונג.

(7) זעהר גרויס.- איהר זייט אזוי געזאננען אז אללעס מאכט אויף אייך אן איינדרוק אונד איהר ווערט לייכט אויפגערעגט, אייער מיטפיללען גרייכט מאנכעס מאל דיא גרעסטע שטופּפע. ציי־טענווייס זייט איהר פול מיט מוטה אונד באלד ווערט איהר זעהר נידערגעשלאגען; אונד איהר ווערט געטריבען פון איינעס אין דאס אנדערס דורך דעם וואס אייער געדאנקען בייט זיך שטענדיג, און איהר האלט אין פערגרעסערען אללעס, סיי גוטעס, סיי שלעכטעס. אום צו בעזייטיגען דיזע אויפרעגענדע נאטור מוזט איהר זיך אויסהיטען פון אללע רייצענדע שפּייז אדער געטראנקע אונד אללע אוננאטיר־

ליבע אדער געוואלטיגע גייסטיגע אויפרעגונג; אונד צווייטענס דורך א געוואהנהייט אין שטילע, געלאססענע אונד פערגנעגענדע נאטור. רוהע איז דער בעסטער מיטטעל געגען צופיעל טהעטיגקיים.

(6) גרויס.—איהר האט דיא אייגענשאפטען וויא עס איז בעשריעבען אין נומער 7, אבער אביסעל שוואכער. איהר ווערט צו שנעל בעאיינפלוכט סיי פיר אייער טובה אדער פיר דיא טובה פון אייערע פריינד.

(5) פאלקאם.—איהר בעזיצט דיא אייגענשאפט צו ווערען שנעל אויפגערעגט, אבער ווען דאס קומט פלוצלונג פיהרט עס אייך ניט אפ פון גליכען געדאנקען און איהר זייט זעלבסטשטענדיג, אייער האנדלונג איז קאלטבליטיג אונד מיט איבערלייגונג.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט קאלטבליטיג, איבער־לייגענד און געלאסען, אונד איהר ערלויבט גאנץ ווייניג אז דער אויס־ערליכער איינפלוס זאל אויף אייך ווירקען, איהר האנדעלט נאך דיא איבערלייגונג, ניט נאך דיא ערשטען נייגונגען, איהר בעזיצט א רעגעל־מעססיגקייט אין אללע אייערע האנדלונגען.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט טעמפ אונד עס איז שווער אייך צו ריהרען דורך אויסערליכע אורזאכען, איהר זייט קאלט אונד ניט ליידענשאפטליך אונד צייגט ארויס ווייניג גייסט אין אלגע־מיין. עס איז פיר אייער וואהל זיך צו בעגעבען צווישען געזעלשאפט־ליכע לעבהאפטיגקייט, אונד איהר וואלט פיהל פראפיטירט ווען איהר וואלט זיך דורכגעמישט מיט קלוגע פערשטענדיגע מענשען.

(2) קליין.—אייער עקסיסטענץ איז זעהר א טעמפער. איהר

עהט אויס אזוי וויא האלב פערשלאפען, אונד וויא איהר וואלט אין גאנצען געוואָ־ט איינשלאפען. ערוואכט! אונד זוכט בעקאנטע צוויי־שעז לעבהאפטע און טהעטיגע געזעלשאפט.

## XI.—דיא גרויס פון דיא געהירען.

דורכשניטליך ווערט גירעכענט דאס דיא מאס ארום דיא קאפּ פון א ערוואקסענעם מאנן אי: 22 אינטשעס, בייא א פרוי׳ס קאפּ איז 21½ אינטשעס, דיא דורכשניטליכע געוויכט פון א ערוואקסע־נעם מאנ׳ס געהירען איז פון 45 ביז 50 אָונצעס, מייסטענס 49 אָונ־צעס. דיא דורכשניטליכע געוויכט פון דיא געהירען ביי א ערוואקסענע פרוי איז פון 40 ביז 45 אָונצעס, מייסטענס ווענט עס 45 אָונצעס. דיא דורכשניטליכע צאהל פון א מאנס געהירען איז 150 קוביק אינטשעס פון א פרוי׳ס געהירען איז 120.

(7) זעתר גרויס.—אויב אייערע ארגאנישע אייגענשאפ־טען זאללען זיין גוט אונד אייערע טהעטיגקייט פאלקאם. דאן זייט איהר אימשטאנדע ארויסצוצייגען א גרויסע קראפט אין פערשטאנד. אונד אויב עס זאל אויך זיין אנגעהעריגער באלאנס צווישען דיא גרופּ־פען פון פערשידענע פעהיגקייטען, זייט איהר אימשטאנדע זיך ארויס־צוצייגען צווישען דיא ערשטע קלאססע דיינקער פון יעצטיגע צייט. ווען אזא פערשטאנד זאל נאך האבען א פערהעלטניססמעססיגע פי־זישע קראפט איז אימשטאנד צו ווידערשטהן אללע שוויריגקייטען אונד עררייכען גרויסקייט, אבגעזעהען פון אללע הינדערניסע. עס איז מעגליך אז איהר האט נאך ניט ארויסגערופען אייערע גאנצע עהיגקייט, אבער איהר בעזיצט עס פיעל.

(6) גרויס.—אייער פערשטאנד איז גרויס אונד שטארק. אונד אז איהר זאלט וועלען קענט איהר ווערען בעוואוסט אין געזעלשאפט. איהר זייט אימשטאנדע צו פיהרען גרויסע אונטערנעהמונגען. בעטראכטען יעדע זאך מיט א ריכטיגען זינען אונד קומען צום שלוסס דורך ריכטיגע איבערלייגונג אונד דורכ'ן בעגרייפען דיא טהאטזעכליכקייט, אויב איהר זייט א געלעהרטער דארפט איהר זיין גוט אונד בעוואונדערט צווישען דיא קרייזען וואו מען האלט פון לעהרנען, אונד אייער איינפלוסס דארף זיין גרויס דארט וואו מען אנערקענט דאס שכל האט א גרויסע ווערטה. זעהר פיהל גיהערט אָן דעם צו וואס איהר נוצט אויס אייער פעהינקייט, אייער קראפט קען זיין א ברכה אדער א קללה צו אייך אדער פיר דער וועלט, עס וועגדעט זיך נור וויא אזוי איהר וועט עס געברויכען.

(5) פאָלקאָם,—דורך דיא גיהעריגע פיזיאָלאָגישע צושטענדע זייט איהר אימשטאנדע פיעל אויפצוטהון אונד עררייכען א הויכען שטאנד אין דיא וועג פון פארגעגומענע איינענשאפטען וואו עס פאָדערט זיך פיעל בילדונג אונד עס דארף זיך ארויסצייגען א סך טאלאנט. אייך פעהלט אבער דיא פעהיגקייטען פון הערשען אונד איהר זייט ניט אימשטאדע צו ווירקען אויף אזוי פיעל אז אללעס זאל זיין נאך אייער וויללען.

(4) דורכשניטליך,—דורך גוט ענטוויקעלטע טהעטיגקייט אונד גוטען קערפערליכען צושטאנד זייט איהר אימשטאנדע ארויסצוצייגען א גוטען טאלאנאט אונד צו מאכען איין ערפאלג אין גישעפט פיר וועלכע איהר זיט פאססענד. אין איין אנדער ספערע.

זיינען אייערע פעהיגקייטען געוועהנליכע אונד אייערע ערפאלג קליין, איהר קענט שנעל בעגרייפען. אבער איהר זייט ניט אָריגינעל אדער גרינדליך.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר האט גענוג געהירען אונד אויב דאצו זאל ניט זיין פעהינקייט, גוטע ארגאנישע אייגענשאפטען אונד גוטע טהעטיגקייט, קען דאס אייך געבען א מיטעלמעססיגען גראד מעגליכקייט פיר פראקטישע געגענשטאנדע, אבער ווייניג פלאנען אדער טאלאנט. עס איז פיר אייך אם בעסטען אז איהר זאלט ארבייטען איממער אונטער דיא אויפזיכט פון פערזאנען וואס בעזיטצען א העכערע שטופע פון גייסטיגע קראפט. גיט זיך דיא מיהע צו ענטוויקלען אייער געדאנקען דורך לעזען, שטודירען אדער ביי געשפרעכע מיט אינטעליגענטע פערזאנען.

(2) קליין.—אייער געדאנקען איז שוואך אונד איהר מוזט ווערען געפיהרט פון אנדערע פערשטענדיגע פערזאנען אין יעדע אונטערנעהמונג. איהר זייט ניט אימשטאנדע צו פיהרען אירגענד וועלכען געשעפט.

# II.

# גייסטיגע אדער איננערליכע פעהיגקייטען.

## XII.—רוהע.

(7) זעהר גרויס.—עס פאדערט אכט אדער נייע שטונדען שלאף יעדע נאכט, אונד אויב דיא פערזאן וואס נויטינט זיך אין דעם האט עס ניט, דאן פיהלט ער אז דאס פעהלט איהם. דיעזער צושטאנד ווערט בעגלייט מיט דעם וויטאלען טעמפעראמענט פון לעבענס קראפט אונד פערלייגערט דאס לעבען דורך דעם וואס האט געהאט פיעל רוהע אין דער יוגענד.

(6) גרויס.—איהר זייט שטענדיג בערייט זיך צו לייגען אין בעט און איהר זאלט ניט ספענדען דיא קרעפטען סיידען איהר האט געהאט אזוי פיעל שלאף וויא פיעל עס האט געפאדערט.

(5) פאלקאם.—אייער געדאנק איז אונרוהיג, דאך ארט אייך ניט וויפיעל שלאף אדער רוהע איהר האט געהאט.

(4) דורכשניטליך.—איהר קענט ארומגעהן שטונדען לאנג אהן שלאף אונד זאל דאס ניט ארען, אונד איהר קענט אויסקומען מיט פיר שטונדען שלאף גראדע אזוי גוט וויא נאפאלעאן איז אויסגעקומען ווען ער האט געריטען אין זאטטעל.

(3) מיטעלמעסיג.—איהר זייט זעהער אונרוהיג אונד

ליידעט פוז ניט קענען שלאפעז. דער שלאף קען ניט בערוהיגען אייער געדאנקען. איהר דארפט זיך צוריקהאלטען אזוי פיעל וויא מעגליך אונד זיין רעגולאר מיט דיא צייט ווען איהר דארפט רוהען,

(2) קליין.—איהר קענט ווערן זארגלאז וועגען דיא ריכטיגע צייט וואס איהר דארפט רוהען אונד ניט מערקענדיג וועט איהר סטופענוויז אויפהערען צו זיין אין ארדנונג, ניט וויסענדיג ווארום. מאנכעס מאל גערויערט דאס יאהרען לאנג ביז מען קומט צוריק צום געזונדען צושטאנד פון קערפער.

(1) זעהר קליין.—איהר ווערט זעהר פיעל גישטערט אין אייער רוהע, אונד איהר זאלט זיך געבען דיא מיהע צו לערנען היגיעניש וויא צו ענטוויקלען דיא אייגענשאפט אז דיא רוהע זאל אייך ניט גישטערט ווערען.

דיעזע אייגענשאפט קען ווערען ענטוויקעלט ווען מען זאל ריכטיג אויפפאסען אויף דעם דיעט אונד דיא ארבייט. ווען א פערזאן פיהלט צו שווער אונד שלעפעריג קען עס בעשריינקט אונד צוריקגעהאלטען ווערען דורך דעם דאס מען זאל פערגרעסערען דיא צירקולאציאן פון דיא בלוט דורך בעוועגונג.

## XIII.—נייגונג צו ליעבע.

(7) זעהר גרויס.—איהר בעזיצט דיא העכסטע שטופען פון וואונש צו ליעבען אונד ווערען געליעבט; איהר קענט בעצויבערט ווערען פון איין אנדער געשלעכט אונד איהר קענט אויך זיי אויך ווירקען. איהר מאכט א גוטען איינדרוק מיט אייערע מאניערען־

זיטטען; איהר זייט זעהר אידעל אונד סימפאטיש. אונד איהר עד־פיהלט דאס געשמאק אונד וואוניש פון דיא געליעבטע; איהר זייט איבערגעבען אין אייער אויפמערקזאמקייט; איהר טראַכט אימער וועגען ליעבע אונד דיא ווירדע פון זיין געליעבט. איהר פיהלט זיך זעהר מיזעראבל ווען איהר מערקט א קאלטקייט פון דיא פערזאן וויאס איהר ליעבט; (זעה נומ. 6) מיט אניעדעריגע ארגאנאישע קוואליטעט, אדער איין ענטצונדענעם צושטאנד פון לעבענס־פליססיגקייט זייט איהר אימשטאנדע צו פערדארבען דיא פעהיגקייט פון רעפּראדוּצירען א נייע גענעראַציאָן, אדער דורך דעם גרויסען געברויך קענט איהר רואינירען אייער קערפּער אונד גייסט, אויב עס איז נויטווענדיג זיך צוריקצוהאלטען וועל איך בעמערקען.

(6) גרויס.—איהר זייט אזוי וויא עס איז בעשריעבען אין אין נומער 7, אבער אין א שוואכערען גראד. איהר האט זעהר ליעב שעהנהייט, אונד איהר זוכט אין אנדערן געשלכט קערפּערליכע ענטוויקלונג אונד א ווארעמעס הערץ וויא אוך קלוגהייט אונד מאראלען ווערטה. דיא ענטוויקלונג האט א גרויסען איינפלוס אויף אייער ארגאניזאציאָן אונד וועט ווירקען זעהר שטארק סיי אין גוטען סיי אין שלעכטען, אויף דעם שיקזאל פון אייער לעבען; ווייל דאס פייער וואס ווארעמט קען אויך פערברענען. ווען מען זאל עס ריכטיג קאנטראלירען אונד מען זאל נאכקומעם מאראלע פרינציפּען, איז דאס א קוועלע פון קרעפטען אונד גליק,—א ברכה פיר אייך אונד פיר אנדערע. אין אנדערן פאל קען עס פיהרען צו שנעלע אונד פערדערבליכע רואינירונג, זאלל אייער בקשה זיין „פיהר מיר ניט צו יצר הרע".

אויב איהר זייט גליקליך פערהייראט זייט איהר א געבענטשטער אויב ניט זאלט איהר אייער גליק זוכען אין הייראטה דער איינ־ציגער ארט וואו מען קען עס געפינען דיא צופרידענהייט פון אייער ליעבענדע אונרוהיגעס הערץ. זייט זעהר פארזיכטיג אין דיעזען פאל.

(5) פאלקאם.—איהר ליעבט דעם אנדערן געשלעכט מיט פיעל צערטליכקייט. איהר זייט א ביסעל היטציג אבער איהר קענט קאנטראלירען אייער וואונש. איהר זייט זעהר עלעגאנט צו דיא וואס איהר ליעבט. איהר בעעהרט זעהר פיעל דעם אנדערן געשלעכט אונד גיט אייער צוטרויען אונד אכטונג צוזאממען מיט אייער ליעבע. איהר זייט גוט אויסגערעכענט צו זיין צופריעדען פון דיא פערוואנד־שאפט פון הייראטה.

(4) דורכשניטליך.—איהר קענט זיין ווארעם אונד ליעבען צייטענווייז, אבער אין אלגעמיין צייגט איהר ארויס א געוועהנ־ליכע גראד נייגונג צו דעם אנדערן געשלעכט. דיא הייראטה קען אייך פערשאפען פערגעניגען, אבער דיא ליעבע קען ביי אייך ארויס־גערופען ווערען פון א ליעבענדען חבר. איהר קענט אויך זיין איידעל אונד טריי אין אייער ליעבע אונד צו עהרען גראדע אזוי וויא ליעבען אייער חבר. אויב זיא איז ווערטה אונד איז אנגעגעבען פיר אייער גליק אונד וואהלזיין.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט קאלט אונד נלייכגיל־טיג געגען דעם אנדערן געשלעכט. איהר צייגט ארויס מעהר פריינד־שאפט אונד רעספעקט אלס ליעבע. אבער אכטונג אונד פריינדשאפט

קען פיהרען צו נעהענטערע נעפיהלע, צו א ריכטינען געטרייען חבר. אזוי דאס איהר קענט זיין גאנץ צופריעדען פון אונפערהייראטען לע־בען, דאך זייט איהר אומשטאנדע, אונטער גוטע אומשטענדע, צו זיין גליקליכער אין הייראטה. מיט א העכערען אידעאל וואלט איהר ארויסצייגען מעהר בעוואונדערונג אונד ליעבע צו דעם אנדערן געשלעכט.

(2) קליין.—איהר זייט זעהר גלייכגילטיג צו דעם אנ־דערן געשלעכט, אונד איהר האט ניט דעם וואונש אונד דיא מעג־ליכקייט צו געווינען זייער ליעבע.

(1) זעהר קליין.–איהר זייט בענאהע אין גאנצען הילפ־לאָז אין ליעבעס אנגעלעגענהייטען. פאסט אויף! איהר דארפט ניט הייראטהען.

## XIV.—ליעבע צו הייראטהען.

(7) זעהר גרויס.—אייער גאנצע ליעבע מוז. אזוי וויא אייער נאטור פאדערט, זיין קאָנצענטרירט אויף איין פערזאָן פון אנ־דערן געשלעכט, וועלכע וועט זיין פיר אייך דיא בעקליידונג פון אל־עס וואס איז גוט אונד ליעב, אונד וועמעס פעלערן איהר וועט אימטער קענען פערטראָגען אדער ניט בעמערקען. איהר וועט פא־דערן דיא זעלבע צוגעבונדענקייט פון דיא וועלכע איהר האט אויס־געקליבען, אויב איהר וועט אין דעם בעצוג צופריעדען געשטעלט ווערען וועט איהר אין פערהייראטען לעבען געפינען דיא העכסטע שטופע פון גליק. אויב אייער הארץ איז נאך פריי, זאלט איהר זיין

זעהר פארזיכטיג צו בעשענקען אייער ליעבע דארט וואו עס וועט געפינען א'ן אפקלאנג, וויל ווען עס זאל זיך אייך אין דעם ניט איינ־געבען, קען עס האבען א גרויסע ווירקונג אויף דעם שיקזאל פון אייער לעבען. איהר זייט בעזאנדערס אויסגעצייכענט אין דיא איבער־געבענהייט צו איין פערזאן. אונד איהר ווערט פערוועלקט אונד שטארבט אפ, פון ליעבע קראנקהייט, ווען אייער שעטצונג ווערט ניט בעלוינט מיט דיא זעלבע איבערגעבענהייט. איהר קענט ניט ליעבען נאך א מאל ווען דער טויט נעהמט פון אייך אוועק דיא בעליעבטע פערזאן.

(6) גרויס.—איהר וועט פאדערן אונד זוכען בלויז איין גע־טרייען חבר אדער פרוי, אונד איהר קענט ווערען זעהר אונגליקליך ווען איהר זאלט ניט צוטרעפען אין ליעבע, וואו איהר ליעבט געטריי מוזט איהר בעזיטצען, אונד ניט וויססען פון דאס ווארט „פעהלער" אין דיא אנגעלעגענהייטען פון אייער ליעבע. געפינענדיג א גוטע פרוי, קענט איהר האבען ראט גרעסטע גליק אין דיא געזעלשאפט פון דיא וואס איהר האט אויסגעקליבען, אונד איהר ווטט שעטצען אללע איהרע מעלות אונד אנציהונגען. איהר וועט ערטראגען אללעס אין איהם אדער איהר, אויסער אונרטרייהייט אין פערהייראטען לעבען.

(5) פאלקאם.—איהר קענט ליעבען הערצליך אונד טריי אירגענד וועלכע פערזאן פון אנדערן געשלעכט אויף וועמען אייער ליעבע איז געניינט: אבער אויב דיא ליעבע ווערט אונטערבראכען קענט איהר זיך ענדערן אונד ווערען גראדע אזוי פערטיפט אין א

נייע ליעבע. איהר וואלט ניט שטארבען מיט א צובראכענעם הארץ, אויב דער טויט אדער איין אנדער אורזאכע זאל פון אייך אוועק נעהמען אייער געליבטע.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט גענייגט צו א איינציגע ליעבע און פעראייניגונג פיר'ן גאנצען לעבען מיט איין אויסגעקליעבענע פערזאָן; אבער איהר קענט דאך בייטען דעם געגענשטאנד פון אייער ליעבע אונד דורך וויניג אנציהונגס־קראפט אונד מיטעלמעכ־סיגען געוויססען קענט איהר זיין קאָקעטיש.

(3) דורכשניטליך,—איהר זייט ניט בעזאָנדערס גע־נייגט צו אפטע ענדערונדען אין ליעבע. אונד איהר זייט געזאָנען וועך דיא אימשטענדע זינען ויא גיהעריג איז, זיך צו פעראייניגען פיר דעם גאנצען לעבען. אבער איהר קענט דאך אראָבגעפיהרט ווערען פון וועג ביי דעם אנבליק פון נייע געזיכטער אונד ערלויבען דיא נייע ליעבע צו פערנעהמען דעם פלאטץ פון דיא אלטע.

(2) קליין.—איהר זייט גענייגט צו זיין גלייכגילטיג מיט פערזאנען. פון אנדערן געשלעכט, אונד האט וויניג רעספעקט פיר דיא געשלעכטליכע פערוואנדשאפט.

(1) זעהר קליין.—אייער געהירענס צענטער צייגט גאר ניט ארויס פון דיא נייגונג צו הייראטהען. אונד איהר געניסט וויניג פון דיא פיהלונג וואס דאס ענטהאלט.

## XV.—עלטערן ליעבע.

(7) זעהר גרויס.—אייער ליעבע פיר קינדער איז זעהר

שטארק. אונד אלס פאטער אדער מוטער וואלט איהר פערגעטערט א ייער אבשטאמונג אונר וואלט עס פיעלייכט פערדארבען דורך צופיעל צערטליכקייט אונד שעדליכען נאכגעבען. אבער דורך דעם וואס איהר וואלט ערלויבט זיי צו הערשען אנשטאט דעם וואס איהר דארפט זיי געוואָהנען צו זיין געהארכזאם. אויב איהר האט קינדער ליידעט איהר אָפט פון דעם וואס איהר שרעקט זיך פיר זיי, איבער־הויפט ווען איהר זייט צוזאממען מיט זיי, אונד אויב איין קינד זאל ח"ו שטארבען וואלט עס זיין פיר אייך בייגאהע אונערטרעגליך.

(6) גרויס.—אלס א פאטער אדער מוטער וואלט איהר זיין צערטליך אונד וואלט פיעל נאכגעגעבען אונד דאס קען פיעלייכט שאדען. סיידען עס זאל פאראויס גוט בעטראכט ווערען מיט א הויכען מאראל. אונד איהר קענט לייכט פערזעהן דיא פעהלערן אונד אונפאלשטענדיגקייט פון אייערע יונגע ליעבלינגע. אויב עס אין אייערע אייגענע קינדער אדער אייערע פריינדס קינדער. איהר זייט ליעבענשאפטליך געוואָהנט צו זיין אין דיא געזעלשאפט פון יונגוואַרג, וועלכע זיינען אויך צופריעדען מיט אייך. אונד איהר קענט זיין אָרום גערינגעלט מיט א מעננע פון קינדער ווען איהר געהט צווישען זיי. איהר מוזט האלטען דיעזע פעהיגקייט אונטער א שטרענגע קאנ־טראלע פון מאראלע פרינציפען. זאנסט קען עס פיהרען צו מעהר שלעכטעס אלס גוטעס פיר דיא קליינוואַרג וואס איהר ליעבט אזוי גוט.

(5) פאלקאם.—איהר זייט פעהיג גוט צו ליעבען אייערע קינדער, אונד איהר קענט טהון אונד אפפערן פיעל פיר זיי, אבער

איהר קענט זיי ניט צולאָזען אונד זייט ניט שטארק ענטציגט פון קינדער אין אלגעמיין,

(4) דורכשניטליך.—איהר וועט ליעבען אייערע אייגענע קינדער, אבער איהר וועט זיך ווייניג קיממער'ן וועגען איין אנדערס קינדער. ביי גרויסע וואהלטהאט וועט איהר זיין צערטליך צו הילפ־לאזע קינדער, אבער אייך וועט גיפעללען קינדער ווען זיי ווערען גרעססער.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט גלייכגילטיג צו אייערע אייגענע קינדער, אויב איהר האט וועלכע. אונד גאנץ קאלטבליטיג צו פרעמדע קינדער. איהר קענט ווייניג פון זיי ערטראגען אונד קענט ניט געווינען זייער סימפאטי.

(2) קליין.—איהר זייט געזאנגען צו זיין קאלט אונד גלייכ־גילטיג צו אייערע אייגענע קינדער. אונד צייגט ארויס א פאָזיטיווען האסס געגען אנדערע קינדער. איהר דא־פט ערוועקען אייער וואהל־טהאט אנציהונגס־קראפט אונד געוויסען אום צו פערטראגען זיך מיט זיי אונד אויך ענטוויקלען פארזיכטיג אונד שטענדיג איין עלטערן ליעבע.

(1) זעהר קליין.—איהר צייגט ארויס ווייניג אדער ביי־נאהע גאר קיין ליעבע צו קינדער. אבער איהר ווערט גערינכטעט דורך אנדערע פעהינקייטען אין אייער בעהאנדלען זיי.

## XVI.—פריינדשאפט,

(7) זעהר גרויס.—איהר האט איין בעזאנדערס וואָ־

רעמעס הארץ, איהר זייט טריי אונד איבערגעבען; איהר זייט אימ־שטאנדע פיעל צו אפפערן פיר אייער פריינד. איהר זעהט ניט אייערע פעהלערן אונד זייער אונפאלקאמענהייט. איהר זייט אזו פיעל פע־טראגען מיט אייערע פריינד אז איהר זייט ניט אימשטאנדע צו זארגען פיר אייער אייגענעם וואהלזיין אונד האבען א רוהיגען געדאנקען, איהר זאלט געדיינקען אז אפילו אין פריינדשאפט קען אויך זיין קראנקע אונד בערפיהרטע האנדלונגען,—(אמאניא)—האלט אייער הארץ ווייט פון פערגעטערונג. אפילו אייערע פריינדע זיינען מענשען אונד בעזיטצען זייערע פעהלערן.

(6) גרויס.—איהר זייט זעהר געזעלשאפטליך. איהר האט א ווארעמעס הארץ אונד זייט גוט געניינגט. איהר, האט ליעב צו זיין מיט אייערע פריינד, אין דיא העכסטע שטופפע. האלט זיך ביי־דיא וואס איהר האט ליעב אין אללע צייטען אונד אונטער פערשיע־דענע אומשטאנדע. ווען איהר ווערט מיט איינעם בעפריינדעט בלייבט איהר זיין פריינד אימער, סיי אין נויט, סיי אין גליק אונד פארשריט, א פריינד צו העלפען. צו מונטהערן אונד סימפאטיזירען. זיך טרייסטען מיט איהם ווען ער לעבט אונד טרויערן נאך איהם ווען ער שטארבט. איהר דאפט זיין זייער פארזיכטיג אין אויסקלייבען פריינד, ווייל איהר קענט פיעל ליידען; פון דיא ניכטסווירדיגקייט אונד אונדאנקבארקייט פון דיא, מיט וועלכע איהר ווערט בעפריינדעט. איהר זייט גאסטפריינדליך אונד זייט צופריעדען ווען איהר אונטערהאלט אייערע פריינדע ביי א געזעלשאפטס-טיש; איהר זייט גוט בעוואוסט

אין דיא קרייזען וואו מען קען אייך. איהר זייט בעליעבט אין אלגע־
מיין אונד האט וויניג פיינדע.

(5) פאלקאם,—איהר זייט פריינדליך אונד געזעלשאפטליך
מיט דיא וועמען איהר דיינקט אז זיי זיינען ראס ווערטה, אבער
איהר זייט ניט געזאָננען צו אָפּפערן פיעל פון זייער טיבה וועגען.
איהר זייט גאסטפריינדליך. העפליך אין אייער אונטערהאנדלונ׳ מיט
דיא וואס זיינען ארום אייך, אונט זייט געניינט זיך צו פערשאפען
פריינדע. אבער אייער צוגעבונדהייט קען ניט איממער אנהאלטען
אונד איהר בינדט ניט צו זיך אנדערע מיטשטארקע קניפלאך אז זיי
זאללען אייך איממער בלייבען געטריי. איהר קענט אויך ניט פער־
צו שאפען זיך פיעל שונאים.

(4) דורב שניטליך,—איהר קענט זיך פערשאפען פריינדע
אונד זייט אימשטאנדע צו זיין צוגעבונדען צו זיי. אונטער גוטע אומ־
שטענדען. אבער עס וועט אייך קיין מאל ניט איינפאלען צו זיין
אומעטוג, ווייל זיי זיינען ניט מיט אייך. דורך דעם וואס איהר ווילט
ערווערבען א גרויסע רייכטהום וועט איהר גיכער מיט אייערע פריינדע
האבען געשעפטליכע אונטערהאנדלונגען פיר אייערע נוטצען איידער
אפּפערן אייערע פון זייערטוועגען.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר פערשאפט זיך וויניג
פריינדשאפט אונד צייגט ארויס א מיטעלען גראד פון ליעבע צו
אירגענד וועמען. אויב איהר ערווערבט פריינדע איז עס צוליעב אייערע
אנדערע גוטע מעלות אבער ניט דורך אייער געזעלשאפטליכער נא־

טור. מען מענ אייך אפילו רעספעקטירען אונד אכטען, אבער איהר קענט ניט זיין אין אלגעמיין בעליעבט.

(2) קליין.—איהר האט גיט ליעב געזעלשאפט. איהר זייט קאלט אונד גלייכגילטיג צו דיא וואס זיינען ארום אייך. איהר בעזיצט ניט דעם וואונש אונד אויך ניט דיא פעהיגקייטען צו ערווערבען זיך פריינדע, אונד איהר האט ווייניג צוטרויען צו פריינדשאפט.

(1) זעהר קליין.—עס צייגט אז איהר זייט אליין ניט אימשטאנדע צו פיהלען פריינדשאפט אונד איהר קענט עס אויך ניט ערוועקען צווישען אנדערע.

## XVII.—פאטריאטיזם, דיא ליעבע פיר דיא הייםאטה.

(7) זעהר גרויס.—אייער ליעבע צו דיא הייםאטה אונד פאטערלאנד איז זעהר גרויס, אונד איהר קענט קראנק ווערען פון בייגקען ווען איהר זאלט דיא הייםאטה פערלאזען. איהר זייט צופריעדען צו ליידען דורך ארמוטה אונד נויט אין אייער לאנד איידער צו האבען רייכקייט אונד זיין בעריהמט אין א פרעמדע מדינה. איהר זייט גרייט צו אפפערן דאס לעבען פיר אייער פאטערלאנד.

(6) גרויס.—איהר זייט זעהר צוגעבונדען צו אייער היים אונד האט ליעב אייער פאטערלאנד מיט טרייע איבערגעבענהייט. איהר פערלאזט אייער הייםאטה מיט גרויס אונצופריעדענהייט. איהר בייגקט שטארק אונד פיהלט זיך אונצופריעדען. ווען איהר ברויכט

צו זיין ווייט פון אייער היימאטה א לענגערע צייט. איהר האט ניט ליעב צו ענדערן אייער וואהנונג אדער רייזען אָפט, אונד איהר ווערט צוגעוואהנט צו דעם פּלאטץ וואו איהר בעזעצט זיך אונד איהר ווילט האבען איין אייגענע היים. בעסער וויא אירגענד וואס אנדערש, אונד ווען איהר האט א היים ווילט אי'הר עס ניט פערלירען אפילו אויף א טאג. איהר האט ליעב דאס לי'עדעל האם סוויט האָם.

(5) פ א ל ק א ם.—איהר צייגט ארויס א צוגעבונדענקייט צו אייער היים אונד פאטערלאנד. איהר האט א פארצוג צו וואהנען אויף איין פּלאץ אונד זיך צו בענוטצען מיט דיא בעקוועמליכקייט פון הויזליכען לעבען. אי'ך פערדריסט אביסעל וואס איהר פערלאזט דעם פּלאטץ וואו איהר זייט געבארען אדער וואו איהר האט גע־וואהנט א לייגגערע צייט, אבער איהר קענט זיך לייכט ענדערן אויב אומשטענדע פאדערן עס. אונד איהר קענט ניט בייגקען אויך ווען אייך זאל אויסקומען צו זיין אבוועזענד פון דערהיים א לייגגערע צייט.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—איהר האט אביסעל ליעבע פי'ר אייער היים, אבער איהר קענט ענדערן אייער וואהנונגס פּלאטץ אהנע פערדרוס אונד איהר זייט ניט געזאָנגען צו פערברויכען פיעל צייט אונד געלד אין פערבעססערונגען אדער צו בענוטצען זיך מיט דיא נייסטע פערבעסערונגען אונד בעקוועמליכקייטען. איהר בייגקט קיין מאל ניט נאך דער היים, אונד אויב איהר בעזיצט דיא אייגענ־שאפט גוט צו בעמערקעי געגענדעי האט איהר א ליעבע צו רייזען.

(3) אונד (2) מימעלמעססיג אדער קליין.—ביי אייך האט א קליינע ווערטה דיא היים. אדער דאס פאטערלאנד. אייער געשמאק איז אלוועלטליך אונד איהר האט ניט קיין פארצוג צו בעזאנדערע געגענדען, איהר האט ליעב צו רייזען אונד אזוי וויא איהר האט ניט קיין בעשטענדיגקייט אמוזירט אייך דיא אָפטע ענדערונגען פון דיא געגענדען.

(1) זעהר קליין.—איהר האט ניט קיין צוגעבונדענקייט צו א געוויסען פלאטץ. איהר קענט זיך איבערקלייבען פון איין געגענד אין אנדערן אהנע שוועריגקייטען. איהר האט לוסט צו פיהרען א לעבען פון א וואגאבונד.

## XVIII.—בעשטענדיגקייט.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט זעהר פלייסיג אונד קענט טהון בלויז איין זאך אויף אמאל, אונד איהר לאזט ניט נאך וואס איהר האט אנגעפאנגען ביז איהר פערפאָלקאמט עס; איהר קענט קענט זיין לאַנגווייליג אונד בעלעסטיגענד אונד איהר קענט אויס־כאטערן דיא געדולד פון אייערע צוהערער אדער לעזער, מיט דעם געגענשטאנד וואס איהר דיסקוטירט. אללע פלוצלונגע ענדערונגען זיינען אייך אונאנגענעהם אונד אין אללעס וואס איהר טהוט זעהט מען א נייגונג פון מאָנאָטאָנע גלייכקייט.

(6) גרויס.—איהר בעזיצט א גרויסע קראפט נאכצופאלגען א רייהע פון געדאנקען אונד צו קאָנצעטרירען אללע אייערע אייגענ־שאפטען צו איין געגענשטאנד. מען מערקט אין אייך דיא גרינדליכקייט

פון אייער שטודיאום אדער אין אויסארבייטען דיא איינצעלהייטען פון
א פלאן וועלכען איהר דארפט אויספיהרען. ווען איהר פאנגט אן צו
טהון איין ארבייט ווילט איהר עס ענדיגען אײדער איהר הייבט אן
עטוואס אנדערש. אונד איהר פיהלט א שטערונג אין דיא ענדע־
רונג פון אייער פראגראממע. אין ריידען אדער שרייבען קענט איהר
ווערען לאנגווייליג אונד בעלעסטיגענד. סיידען איהר זאלט זיך געבען
דיא מיהע דאס צו פערמיידען, איהר דערציילט לאנגע געשיכטעס.
אונד זייט אמאל ניט ביין געדאנקען. איהר זייט זעהר בעשטענדיג
אונד האלט זיך איממער ביי דאס זעלבע אין יעדע האנדלונג וועלכע
איהר האלט ביין אויספיהרען אונד איהר האט ניט קיין געדולד צו
ענדערן אייערע פלענער.

(5) פ אָ ל ק אָ ם. - איהר האט ליעב צו פערפאלקאמען יעדע
זאך וואס איהר פאנגט אן. אבער איהר פיהלט ניט אונאנגענעהם
ווען דיא ארבייט ווערט אונטערבראכען. אונד איהר קענט ערטראגען
פיעל אונבעקוועמליכקייטען דורך דעם וואס איה־ האט אויף צו טהון
איין זאך אונד נעהמט זיך צו א צווייטע. איהר זייט טאָלעראנט,
דרינגענד אונד געלאסען, איהר קענט קאנצעטרירען אייערע גע־
דאנקען ווען עס פאדערט זיך ביי א געלעגענהייט אונד נאכזועהען
א נעגעשטאנד אין אללע איינצעלהייטען. אבער איהר זייט ניט נעזאָ־
נען צו זיין בעלעסטיגט.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—איהר קענט קאנצעטרירען איי־
ערע געדאנקען צו איין געגענשטאנד. אונד האלטען זיך ביי דעם
ביז עס ווערט אין גאנצען אויסגעארבייט. איהר קענט אנווענדע־

אייערע געדאנקען צו איין אנדער געגענשטאנד. אייך איז ליעבער צו טהון איין זאך אויף אמאל, אבער איהר קענט אויף טהון אייניגע זאכען אויף אמאל אונד טהון אללעס וויא גיהעריג. איהר זייט אימשטאנדע צו זיין בעשטענדיגט אין אייערע געדאנקען אבער איהר זייט קיין מאל ניט לאנגווייליג אונד אין אלגעמיין רעדט איהר אדער שרייבט צו דער זאך

(3) מיטעלמעססיג.—איהר האט ליעב פערשיעדענהייט. איהר ענדערט פון איין זאך צו א צווייטע, איהר פאנגט אן פיעלע זאכען וועלכע איהר ענדיגט קיין מאל ניט. אייער געדאנקען איז פילייכט קלאר אבער ניט איממער האלט עס זיך ביי איין זאך. אייך פעהלט פערבינדליכקייט אונד אויפמערקזאמקייט. אונד איהר דארפט שטרעבען צו ענטוויקלען א בעשטענדיגקייט אין אייערע געדאנקען אונד כאראקטער.

(2) קליין.—איהר זייט צוועקלאז אונד טהוט זאכען אהן א בערעכענונג. איהר ענטשליסט זיך שנעלל אנצופאנגען אבער איהר האט ניט דעם אויסרעכענונג אויב איהר וועט עס קענען אויספיהרען. איהר געהט שנעלל איבער פון איין זאך צו דיא אנדערע אונד קיינער וויים ניט וואו מען קען אייך געפינען אדער אויף וואס פיר איין ארט מען זאל אייך עמפפאנגען. איהר רעדט וועגען אייניגע זאכען מיט אמאל אונד דער צוהערער קען ווייניג פערשטעהן פון דאס וואס איהר ווילט איהם אויפקלערען, איהר האט בעדארפט זיין א זוממער פייגעלע.

(1) זעהר קליין.—איהר זייט אין גאנצען געמאכט פון ענדערונגען אונד אונרוהע אונד עס גיעבט ניט קיין צוויי מינוטען איהר זאלט זיין דער זעלבער,

## XIX.—לעבענס-קראפט אדער ליעבע צו ליעבען.

(7) זעהר גרויס.—איהר בעזיצט איין זעלטענע מעג־ליכקייט אויפצוהאלטען דאס לעבען. איהר ווידערשטהעט ק־אנקהיי־טען מיט א אונגעהייערע ענטשיעדענהייט. אונד וועט שטארבען נאך א לאנגען שטארקען קאמפף. איהר שרעקט זיך שטארק פיר דעם סוף וואס אללע שטערבליכע מוזען קוממען. איהר דארפט זיך געוואהנען צו קוקען אויף דעם דורך א רעליגיעזען גלויבען מעהר אלס איין טהירישען אינסטינקט.

(6) גרויס.—איהר האלט זיך צוגעבונדען צום לעבען מיט א גרויס איבערגעבענהייט, אונד היט זיך פון טויט פונקט אזוי וויא דאס פערניכטעט אין גאנצען. אייער קראפט צו ווידערשטעהן קראנקהייטען איז זעהר גרויס. איהר ווילט קיין מאל ניט הערען דאס ווארט „שטארבען“ איהר קענט געזונד ווערען פון אזעלכע קראנק־הייטען, וואס אנדערע ועלכע בעזיטצען גיט אזוי פיעל לעבענס־קראפט וואלטען אויפגעבען דיא האפענונג. איהר וועט ניט שטאר־בען פאר דער צייט, סיידען עס וועט אייך טרעפען א סיבה. איהר זאלט זיך צוגעוואהנען ווייניג צו שרעקען זיך פארן טויט אונד האפען אויף א גוטע עולם הבא.

(5) פאָלקאָם.—איהר האט ליעב דאס לעבען אונד זייט געזאָנגען צו האלטען זיך אָן דעם מיט גרויס צוגעבונדענקייט. איהר קענט ווידערשטעהן קראנקהייטען מיט א חיבשע קראפט, אבער איהר שרעקט זיך ניט שטארק פארן טויט אויב איהר האט פיעל האפענונג אונד גלויבען.

(4) דורכשניטליך.—אייער ליעבע צו דאס לעבען איז מיטעלמעססיג אונד איהר קענט ניט זיין אונטערוואַרפען אונטער קראנקהייטען אהן ווידערשטאנד, אבער אייער קראפט פון ווידערשטעהן, א קראנקהייט אדער דעם טויט איז ניט אזוי שטארק וויא ביי אנדערע וואס דיא ענטוויקלונג פון לעבענס קראפט איז זעהר גרויס.

(3) מיטעלמעססיג.—אייער אָנהאלטען זיך אן לעבען איז ניט זעהר שטארק. פון אייערט וועגען האט דער עקסיסטענץ ביי איך א קליינע ווירדע. נאר איהר וואלט וועלען לעבען צוליעב אייער פאמיליע און אייערע פריינדע. אבער מיט דעם מיינונג אז איהר קענט נוטצען פיר דיא וועלט, איהר גיט זיך אונטער צו א קראנקהייט אָהנע שטארקע ווידערשטאנד.

(2) קליין.—איהר שרעקט זיך וויניג פארן טויט. איהר האט ניט קיין גרויסע קראפט צו ווידערשטעהן קראנקהייטען, אונד איהר ווילט לעבען צוליעב אנדערע מעהר וויא צוליעב זיך אליין. איהר זייט געניינט שנעלל צו זינקען אין א געפעהרליכע קראנקהייט.

(1) זעהר קליין.—איהר האט זעהר וויניג חשק צו לעבען פיר דעם צוועק כלויז פון לעבען אליין, אבער איהר שעצט עס נור דערפאר ווייל איהר האט א געלעגענהייט צופריעדען צו שטע־לען דיא אנדערע אייגענשאפטען. איהר זאלט זיך געבען דיא מיהע צו שעצען מעהר דיא ווירדע פון דאס לעבען אונד דאס געזונד, אונד איהר דארפט אנעריקענען אייער כליכט דא אויפצוהאלטען אונד דערפון הנאה האבען.

## XX.—דיא אייגענשאפט פון קוראזש.

(7) זעהר גרויס.—אייער ענערגיע, פעסטגעזעצטקייט אונד קוראזש איז בעמערקונגס ווערט. איהר זייט בערייט צו ער־גרייפען אירגענד וואס אונד צו פייטען געגען אירגענס וועלכע אונ־גלייכהייט, אדער צו שטעלען זיך אין געפאהר פון טויט אדער אין איין אנדער געפאהר. איהר ערלויבט ניט אירגענד וועלכע שוויריג קייט זאל אייך פון מוטה ארונטערזעטצען. איהר האט ליעב געפעהר־ליכע אונטערנעהמונגען איהר האט א פארצוג צו א פראָסטען, איינ־פאכען לעבען אונד אויב איהר זאלט האבען אביסעל פארזיכטיג־קייט האט איהר דאך מעהר טאפפערקייט אונד קענט ניט פער־שווייגען. אויב עס זאל אייך פעהלען מאראלע צוריקהאלטונג אדער איהר זאלט האבען א געוואהנהייט צו שכרות אדער שלעכטע חברים, דאן קענט איהר זיין ברוטאל, זיך ארומקריגען אונד א געפעהרליכער מענש.

(6) גרויס.—איהר זייט ענטשלאָססען, בראוו, פעסט גע־

זעטצט. איהר האט ליעב צו ארגומענטירען; איהר בעזיצט א גרויסע לוסט פיר ביפאל אונד זיך ארויסצוציינען, אונד איהר קענט זיך שנעלל אפרעבענען פיר א בעליידיגונג. איהר זייט אימער פערטיג צו וויעדערשטעהן פיר אייער רעכט; איהר זייט היטציג אונד האט ליעב דאס ענטגעגענזעטץ. איהר זייט ענערגייש אן אויספיהרען אייערע פלענער. איהר בעקעמפפט הינדערניססע מיט פערגנעגען. איהר זייט לעבהאפטיג, דאך קאלטבליטיג אין צייט פון געפאהר. איהר פערליערט קיין מאל ניט אייער שכל; און אויב איהר זאלט זיך אויפפיהרען אין אנדערע היגזיכטען או טער אונגינסטיגע אומשטענדע אדער האבען שלעכטע געוואהנהייטען, אדער גראבע. אונערצויגענע חברים קענט איהר האבען א נייגונג צו געשלעג און קריעגערייען. ווען איהר זאלט אבער זיין אונטער דיא קאָנטראלע פון פערשטאנד אונד מאָראלע געפיהלע. קען אייער ענערגיע אונד בעטרייבונגס קראפט בעקעהרט ווערען צו גוטע טהאטען אונד דאס זאל זיין א ברכה פיר אייך אונד פיר דער וועלט.

(5) פאָלקאם.—איהר צייגט ארויס דיא אייגענשאפטען וואס ווערען בעשריעבען אין (6) אין איין עטוואס שוואכערען גראד. אייך פעהלט ניט קיין קוראזש, ענערגיע אדער לוסט צו ארגאָמענטירען. אבער איהר זייט פון דער נאטור ניט געזאנען צו שטרייטיגקייטען אונד קריעגערייען. איהר מענט זיך שעטצען גליקליך אין דעם פאלל דאס איהר בעזיצט דיעזע עלעמענטען אין אייער כאַראקטער.

(4) דורכשניטליך.—דיא מאָס פון אייער קוראזש אונד

ענערגיע צייגט זיך ארויס לויט נאך דיא אומשטענדע. איהר קענט ערוועקט ווערען ארויסצוצייגען א הויכע שטופפע פון דעבאטירונגס־גייסט מיט א סך ליעבע צו נערעכטינקייט. שטארקען ווילען, אָפפענ־הארצינקייט, זעלבסט־שעטצונג אונד לוסט זיך ארויסצוצייגען. זיך אָננעהמען פיר נערעכטינקייט אונד שטעהן פעסט אין קאמפף פיר א גוטע טהאט. אבער אזוי וויא דיעזע אָרגאנען זיינען מיטטעלמעס־סיג אדער קליין אונד דיא פארזיכטינקייט איז גרויס. קענט איהר צייטענווייז זיין אונענטשלאָססעז אדער זאגאר א פייגלינג.

(3, מיטעלמעססיג.—איהר זייט ניט אימשטאנדע אונד וויינינ נעזאנען צו בעהויפטען אונד פערטהיידיגען אייער רעכט, איהר גיט זיך באלד אונטער צו דיא וואס זיינען נעגען אייך. היט זיך אויס פון ארגומענטען אונד צאנקערייען. אונד צייגט ארויס וויינינ לוסט צו נעהמען ראכע. איהר ציטערט צופיעל צו קומען אין בעריהרונג מיט אונאננענעהמע האנדלונגען אונד איהר וואלט פיעל אוועקגעבען מען זאל אייך לאזען צו רוה.

(2) קליין.—אייך פעהלט זעלבסט פערטהיידיגונג. איהר זייט צו איידעל. אייך איז שווער צו זאגען „ניין". אונד איהר בעזיצט וויינינ ענערגיע אונד גייסט.

(1) זעהר קליין.—איהר האט בענאהע גאר קיין קו־ראזש אדער ענערגיע.

## XXI.—פערניכטונג אונד אויספיהרליכקייט.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט זעהר ענערגיש. איהר

קענט אויפטהון אין איין טאג אזוי פיעל ארבייט וויא איין אנדרער אין צוויי טעג, אונד אייער ענטשלאָססענהייט איז זעהר גרויס. ווען צופיעל אנגעשטרענגט האט איהר א נאטור פון כעס אונד ווען איהר ווערט אויפגערעגט קען אייער כעס גרייכען אזוי הויך דאס איהר זאלט זיך ניט קענען בעהערשען אונד איהר קענט ווערען שטרייטיג, גראָב אונד שעדליך. איהר פיהלט אונד צייגט ארויס דיא שרעקליכסטע רציחות. איהר האט פערגעניגען ווען איהר צושטערט אונד פערניכטעט אללעס וואס איהר קענט אז עס איז אייך פיינדליך אדער עס שטעהט אייך אין וועג פון אייערע פלענער. איהר בעזיצט איין בעזאנדערעס גרויס אויספיהרליכע מעגליכקייט. איהר קענט בייזיטעהן אללע אָפּאָזיציאָנען, איהר קענט ערטראגען שמערצען וויא א העלד, אונד אויב עס פאדערט קענט איהר פערשאפען שמערצען צו אנדערע אונד עס זאל אייך ניט פערדריסען, אויב עס וועט אייך ניט פערשאפען קיין פערגעניגען. אייער מעכטיגע ענערגיע מוזט איהר האלטען אונטער א שטרענגע קאָנטראלע פון איבערלייגונג אונד מאָראלע פרינציפען. זאנסט קען עס זיך צייטענווייס ארויסצייגען אין טהאטען פון צושטערונג, גרויסזאמקייט אדער ראבע.

(6) גרויס.—ווען איהר זייט אין כעס זייט איהר גענייגט צו זיין ערביטערט, שטרייטיג אונד האנדלען קורץ. אונד בענוצט דיא שטרענגסטע ווערטער אויסצודריקען אייער א נצופריעדענהייט. איהר האט ניט קיין נאטור צו געבען. איהר בעזיצט ניט דעם ארגאן פון וואהלטהאט אונד רחמנות. איהר צייגט ארויס פיעל ענערגיע אונד אויספיהרבארקייט. איהר האט הנאה ווען איהר צוברעכט, צורייסט,

צושטערט אונד פערניכטעט. איהר קענט מיטהעלפען ביין ארונטער־שניידען א האנד אדער א פוס, אהנע שווערינקײטען, אדער איהר זייט אימשטאנדע צו לאזען זיך אבשניידען א גליעד, ווען עס איז נויטיג, אהנע פיעל זיך צו ווייגערן. איהר האלט זיך ניט אפ פון הרג׳נען טהיערע. איהר האט ליעב פליישינע שפייזען אונד וואלט וועלען אז אייער סטייק זאל זיין דין. איהר נייטיגט זיך אונפצוהאלטען דעם איינפלוסס פון וואהלטהאט, געוויססען, אונד פארזיכטיגקייט אום אויפצוהאלטען אייער כעס אונר אייער צושטאנד צו בעשטראפען אונד פערניכטען.

(5) פאלקאם.—איהר זייט ענערגיש, פעסטגעזעצט אונד אונוויללינ ווען איהר ווערט אויפגערעגט, אבער אייערע ארגאנען זיי׳ען ניט פון דיא וואס זוכען ראכע, האבען גרויזאמקייט אדער אונפערגעבענהייט, אייער כעס קען אויסגעהן צו שארפע איראניע, בעשולדיגונג אבער ניט צו גוואלד טהאטען, אבער איהר קענט אויך בענוטצען גרויזאמקייט ווען מען זאל אייך שטארק אויפרעגען, איהר וועט ארויסצייגען א היבשען גראד פון ענערגיע אונד טאפפערקייט אין גישעפט. איהר קענט ערטראגען שמערצען אדער ארויפלייגען אויף אנדערע. ווען עס איז נייטינ, אבער איהר וועט עס זעהן צו פערמיידען.

(4) דורכשניטליך.—אייערע ארגאנען וואס צייגען ארויס דיא איינענשאפטען זיינען דיא זעלבע וויא עס איז בעשריעבען אין (5) אבער אין א שוואכערען גראד,

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט ניט זעהר ענערגיש אויספיהרבאר אדער שטענג. אייער בעס איז ניט קיין טיעפער אונד סטראשעט דראָהעט מעהר וויא איהר פערווירקליכט. איהר זעהט אויסצומיידען שמערצען אונד פערשאפט עס צו אנדערע געגען אייער וויללען. איהר קענט ווערען מעהר געליעבט אלס געפירכטעט.

(2) קליין.—אייער הארץ איז צו ווייך. איהר בעזיצט זעהר וויניג ענערגיע. איהר קענט אליין ניט ערטראגען קיין ליידען מיט מוטה. אדער ארויפלייגען אויף אנדערע נייטיגע שמערצען אהנע געוויססענסביססע.

(1) זעהר קליין.—איהר בעזיצט בייגאהע גאר ניט פון דיא איינענשאפטען.

## XXII.—אפעטיטליכקייט פיר שפייז.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט גרויס הנאה פון דיא שפייז וואס איהר עסט. אונד האלט פיעל הלכות אכילה. עס איז אייך שווער צו קאנטראלירען אייער אפעטיט. איהר לעבט אום צו עססען, ניט איהר עסט אום צו לעבען. איהר זייט אין דיא געפאהר צו עססען מעהר וויא דיא נאטור פאדערט. און קענט דאביי פערדאר בען דיא קראפט פון פערדייאונג.

(6) גרויס.—אייער אפעטיט איז אין אלגעמיין פראכט־פאָלל. איהר האט הנאה פון דיא מאכלים ביי'ן טיש. איהר זייט אין דיא געפאהר פון איבערעססען זיך, אבער ניט פון עססע צו וויניג. איהר טראכט וועגען עססען מיט זעהר א גרויסע וויכטיגקייט, אונד

אראנזירט עס מיט א'ן ארדנונג. איהר דארפט זיך היטען פון עססען צופיעל.

(5) פאלקאם.—ווען איהר זייט געזונד האט איהר א גו־טען אפעטיט. אונד עסט פיעל אללעס וואט מען דערלאנגט אייך. איהר האט הנאה פון דיא אכילה, אבער איהר לייגט ניט אויף דעם קיין גרויסע וויכטיגקייט, אונד איהר קענט קאָנטראל־רען אייער לוסט צו שפייז אדער געטראנקע מיט דיא גרעסטע פארזיכטיגקייט.

(4) דורשניטליך.—איהר האט גוט הנאה פון אייער שפייז. אבער עס איז אייך לייכט צו קאָנטראלירען אייער אפעטיט. אונד איהר זייט זעלטען געניינט זיך איבער צו עססען.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט געניינט צו זיין עדעל איהר האט ניט קיין גרויסע ליעבע צו מאכלים אונד נאשעדייען. אבער איהר לייגט פיעל וויכטיגקייט אויף דיא קוואליטעט פון דיא שפייז אונד וויא אזוי עס איז פערפערטיגט איהר עסט אום צו לע־בען, אבער ניט בלויז צוליעב דעם פערגעניגען פון עססען.

(2) קליין.—איהר האט ניט קיין גרויסען געשמאק פיר שפייזען, אונד אייך קמערט ווייניג וואס איהר עסט, זאלאנג עס האלט אוף דאס לעבען.

(1) זעהר קליין—איהר האט ווייניג אדער גאר קיין אפעטיט,

## XXIII.—דיא לוסט צו טרינקען.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט זעהר ליעב וואססער.

איהר ליעבט זיך צו באדען, שווימען, שיפען אונד ז, וו. אונד דורך שלעכטע בעקערוהנג פון אייער אפעטיט קענט איהר זיך צוגעוואהנען צו טרינקען צופיעל שטארקע געטרענקע. דאס איז דיא פאלגען וועלכע קענען זיך ענטוויקלען פון דיא אייגענשאפט. ווען מען זאל בעמערקע דיא נייגונג אין א שלעכטע וועג. איהר זאלט זיך היטען פון דיא לחיים גלעזעל.

(6) גרויס.—איהר ווערט אפט דורשטיג, אונד איהר האט הנאה פון טרינקען. אויך פערשאפט אייך פערגעניגען דאס וואססען זיך· באדען, שווימען אונד ז. וו.

(5) פאלקאם,—איהר האט פערגעניגען פון וואססער. סיי אינערליך. סיי אויסערליך

(4) אונד (3) דורכשניטליך אונד מיטעל־מעססינ.—איהר האט ניט קיין גרויסע הנאה פון וואססער. איהר האט ניט קיין נייגונג זיך צו באדען. איהר ליעבט ניט צו שווימען. שיפען אונד ז. וו. אונד היט זיך פון א רייזע אויפ'ן ים אזוי וויא פון א געפאהר.

(2) קליין.—איהר קיממערט זיך ווייניג פיר אירגענד וועלכע ליקער אדער ספיריט, איהר האט א פארצוג פיר נאהר־האפטע שפייזען, איהר ליעבט ניט זיך צו באדען, אונד איהר היט זיך אויס צו געהען אין וואססער אדער אויפ'ן וואססער ווען עס איז אייך מעגליך.

(1) זעהר קליין.—איהר האט איין אינסטינקטיווע אב־נייגונג פון וואססער,

# XXIV.—שפארזאמקייט אדער דיא לוסט צו ערוועבען.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט א גרויסע לוסט צו קליי־בען. איהר האט ליעב געלד אויף אזוי ווייט אז עס עררייכט ביז געט־צענדיענסט. איהר זייט קארג. איהר האנדעלט מציאות, איהר זייט עקאנאמיש. איהר שעצט דיא ווירדע פון אייגענטהום העכער פון אללעס. איהר זייט גייטציג אונד אייער קארגקייט ערגרייכט א הויכע שטופע. איהר קענט זיך אויסהיטען פון בענוטצען זיך מיט אונ־ערענטליכע איינקינפטע אונד איהר זעהט דאס אייער פראפיט זאל זיין א כשר'ער אונד דער געוויססען זאל ביי אייך זיין א ריכטיגער אויף אזא ארט קענט איהר זיין ערענטליך, אבער זעהר שפארזאם.

(6) גרויס.—איהר האט דיא נייגונג אונד אייגענשאפט יעדע זאך צו בריינגען אין א גוטען ארדנונג. איהר זייט טהעטיג עקא־נאמיש אונד שפארזאם. איהר קויפט ביללינ אונד פערקויפט מיט א גרויסען פראפיט. איהר האט א גרויסע ליעבע צו רייכטהום. אונד א גרויסע נייגונג צו זאממלען, אבער מיט גרויס וואהלטהעטיגקייט. איהר האט איין אפענע האנד דא וואו דיא סימפאטהע ווערט ביי אייך ערוועקט. אויב איהר זאלט ניט אויפפאססען אויף דיא ענט־וויקלונג פון דיעזע ארגאן, קענט איהר אויף דער עלטער ווערען קארג. געוויססענהאפט. וואהלטהאט אונד אנציהונגס קראפט זאל מען אימער נעהמען אין אכט אין בעצוג מיט שפארזאמקייט, זאל

דאס אללעס זיין עהרליך פארדיענט אונד ליבעראל אויסגעגעבען פיר דיא וועלט אין אלגעמיין. אונד פיר אייערע פריינד אונד שכנים איבערהויפט.

(5) פאלקאם.—איהר זייט טהעטיג אונד ערווערבענד. איהר האלט אין א גוטען ארדנונג דאס וואס געהערט צו אייך. איהר שעצט אייגענטהום דאפיר ווייל איהר קענט עס געברויכען. איהר האט ליעב צו קלייבען אבער איהר זייט ניט געזאננען צו ערווערבען אונד האלטען דאס. אדער זיין קארג. איהר זייט בערייט צו העלפען אייערע פריינד, אבער איהר ווילט זיך ניט דורך דעם פעראַרעמען. אונד איהר זייט אויך ניט געזאננען אויסצוגעבען אזוי שנעל וויא איהר פערדיענט.

(4) דורכשניטליך.—איהר האט א געהעריגע שעטצונג פיר דיא ווערדע פון אייגענטהום. אונד איהר בעזיצט א היבשען וואונש אנצוקלייבען, אבער אין אויסגעבען ווערט איהר רעגיערט פון אנדערע אייגענשאפטען, אונד קענט זיך פעראַרעמען, ווייל אייערע אויסגאבען פאר׳ן לעבענסמיטעל ערגרייכען דיא העכסטע שטופפען פון אייערע פערדיענסט. מען דארף זיין פארזיכטיג אונד קלייבען אום עס זאל זיין פארבערייטעט פיר דיא צוקונפט.

(3) מיטעלמעססיג.—אייער וואונש צו ערווערבען אייגענטהום איז גאנץ שטארק, אבער איהר שעצט עס בלויז אלס א מיטטעל, אבער ניט אלס א צוועק. איהר קענט זיין עקאָנאמיש ווען אייערע בעדערפניססע פאדערן עס, אבער אין אלגעמיין האט איהר ניט ליעב אויסצוגעבען קליינינקייטען, זאנדערן איהר ליעבט אויס־

געבען אזוי שנעל וויא איהר פערדיענט. אייער טאלאנט צו פער־
דיענען געלד איז מיטעלמעססיג אונד איהר האט ניט קיין בעזאנ־
דערע ליעבע צו קויפען אונד פערקויפען מיט דעם צוועק צו פראפע־
טירען.

(2) קליין.—איהר האלט אייער געלד צו לייכט. אייער
טאלאנט אויסצוגעבען איז גרעסער אלס צו פערדיענען. עס איז מעג־
ליך דאס איהר זאלט בעקומען דיא געוואהנהייט צו פערשווענדען
אונד לעבען מיט גרעסערע אויסגאבען וויא אייערע איינקינפטע
זיינען.

(1) זעהר קליין,—איהר זייט פערוויסטעט, פערשווענ־
דעריש אונד פויל, אונד וואהרשיינליך וועט איהרי איממער זיין
ארעם.

## XXV.—געהיימליכקייט אדער בעהאל־טענהייט.

(7) זעהר גרויס.—אייער מעגליכקייט צו בעהאלטען
אייערע געדאנקען, צו אונטערדריקען א זאך געניי. צו האלטען געהיים
אייערע פלענער אונד בעגערען, זיינען זעהר גרויס. איהר זייט פאר
בעהאלטען, פאליטיש. פאר־יכטיג, שארפזינניג. רעדזעלהאפט אונד גע־
היימניספאלל, אויך אזוי פיעל דאס אייערע נעהענטסטע אינטימע
פריינדע זיינען קיין מאל ניט זיכער אויב זיי פארשטעהן אדער קענען
אייך. מיט קליינעם געוויסען קענט איהר אפטהון א שפיטצעל. זיין
בעמריגעריש. צוויי־זייטיג, ניט פערטרויליך, אונד פיעלייכט דורך

גרויסען לוסט צו ערווערבען אונד דורך וויניג כארזיכטיגקייט קענט איהר אבנארען אונד פעלשען.

(6) גרויס,—איהר זייט פארבעהאלטענט אין אויסדריקען אייערע געפיהלע. איהר האלט אייערע פלענער אונד פארמען פיר זיך אליין זעהר פארזיכטיג. איהר האט ליעב בעהאלטענהייט, אונד האט הנאה אין איבעררעשען אייערע פריינדע. איהר זייט גענייגט אויסצואיבען סטראטעגיק אדער פערנארען. איהר האט א פארצוג צו ערגרייפען אינדירעקט איידער ארויסצוקומען עפענטליך, אונד זאגאר ווען אייער צוועק איז אין גאנצען עהרליך אונד לויבענסווירדיג. וועט איהר זיך בענוטצען מיט בעהאלטענע מיטלען דאס צו פערפאלקאממען. אייער כאראקטער אונד נייגונגען זיינען גוט בעדעקט אונד איהר זייט אונטערווארפען צו פערדעכטיגקייט בלויז דאדורך וואס איהר רינגעלט זיך ארום אין אללע אייערע האנדלונגען מיט אונזיכערהייט, אונד מיט א גרויסען לוסט אנצוקלייבען וועט איהר בעקומען אונד זיך בעמיהען אויפצוהאלטען אזוי פיעל אייגענטהום וויא פיעל עס וועט אייך זיין מעגליך,

(5) פאלקאם.—איהר קענט האלטען א געהיימניס. אייער ארגאן זיך זעלבסט צו בעהערשען איז גוט. איהר קענט בעהאלטען אייער פיהלונג, ווען עס איז נויטיג. איהר האלט אינערע פלענער אין געהיים. איהר זייט איינזאם אבער איהר זייט ניט גענייגט צוא זיין געמיין. פאלש אונד היפאקראטיש.

(4) דורכשניטליך,—איהר בעזיצט ניט קיין גרויסען גראד בעהאלטענהייט. איהר זייט גענייגט ארויסצואגען פריי, אבער

איהר קענט זיך איין עצה געבען און זיך צוריקהאלטען פון ארויסצייגען אייערע פיהלונגען. סי־דען אין שטארקע אויפרעגונג זייט איהר אימשטאנדע פאָלקאם אויסצודריקען אייערע פיהלונגען אונד געדאנקען.

(3) מיטעלמעססיג—איהר זייט געניינט צו געהן אויף אפענע אונד דירעקטע וועג אין אייערע האנדלונגען איהר דריקט אויס פאלקאם אייערע געדאנקען ביי א פאסענדע געלעגענהייט. איהר בעזיצט וויינינ פארבעהאלטענהייט, אונד קענט אין אונבעשיצטע מאָמענטען שענדליך זיך אויסדריקען אדער האנדלען. איהר זייט ערנסט אונד פראנק אונד דריקט אויס אייערע געדאנקען אונד פיהלונגען אויף א קלארען אונד פערשטאנדליכען ארט. אייערע פריינדע וויסען גענוי וואס איהר זייט, זיי זעהן אייערע מעלות אונד הסרונות אונד זיי וועלען אייך האלטען פיר ניט ערגער אדער ניט בעסער וויא איהר זייט.

(2) קליין.—איהר זייט אפפען, אונאבהייננינ אונד דורכזיכטיג. איהר האט וויינינ קראפט אונד נייגונג: צו בעהאלטען אייערע פיהלונגען, אונד אין אלגעמיין רעדט איהר ארויס גענוי וואס איהר דיינקט. פאָליטיק. שווינדעל, בערייַדען, צוויי־זייטיגקייט, אונטער־חנפענען אונד אונגלייכהייט האט ניט קיין פלאטץ אין אייער כאראקטער, איהר זייט אפען אונד אם פלאץ אין אללעס. איהר האט זאגאר וויינינ פאָליטיק אונד טאקטמעססיגקייט, אונד זעלבסט בעהערשונג, וויפיעל עס פאדערט זיך פיר אייערע אייגענע נוטצען.

(1) זעהר קליין.—איהר זאגט אוים אללעס, איהר קענט ניט האלטען קיין געהיימנים אונד זאגט ארויס אללעס וואס איהר ווייסט. אויך ניט מעהר.

## XXVI.—פארזיכטיגקייט.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט צו פארזיכטיג, אימּמער אויף דיא וואכע, נייגעריג אונד איהר נעהמט זיך לייכט צו זארג, איהר האלט אין איין מורא האבען פיר שלעכטעס אונד סיבה׳ס. איהר האט מורא צו געהן פארווערטסס. טאמער ווער איהר ניטגעהן אין דיא ריכטיגע וועג. איהר זייט פורכטזאם, שרעקעדיג צו אונטערנעהמען פעראנטווארטליכקייט אדער צו ריזיקירען. איהר לייגט אפּ אויף שפּעטער. איהר זייט א פ״יגלינג אונד פאלט באלד ארייַן אין א פאניק, אדער שרעק. איהר פיהלט זיך אונגליקליך ווייל איהר שרעקט זיך פיר זאכען וואס עס האט קיין גרונד ניט, אונד איהר זאלט זיך געבען דיא מיהע צו בעקעמפּפען דאס מיט אייער שכל.

(0) גרויס.—איהר זייט פארזיכטיג, קלוג, אויפּפּאסענד, גייגעריג, אונד זי׳מ אונטערווארפען אונטער דיא נאטור אפּצולייגען. איהר זייט ניט איבערהייליג ווען איהר דארפט זיך ענטשליסען. איהר ווילט אימּמער זיין אויף דיא זיכערע זייט איהר זייט שארפזיניג אין מאכען פּלענער. אבער איהר זייט, לאנגזאם אונד פארזיכטיג אין אויספיהרען ווען עס זאלל זאגאר פארשטיין איין ערפאלג. אונד איהר פערנאכלעסיגט גוטע נעלעגענהייטען דערפאר ווייל איהר האט מורא אביסעל צו ריזיקירען. איהר קענט זיך נעהמען צופיעל זארג וועגען

דאס געזונד·אונד וואהלזיין פון קינדער אדער פריינד. אונד איהר שאפט זיך אליין אוננייטיגע ליידען, ווייל איהר שרעקט זיך פיר אזעלכע זאכען וואס קומען קיין מאל ניט.

(5) פ אַ ל ק אָ ם. - אין אלגעמיין זייט איהר פארזיכטיג. קלוג אונד איבערלייגענד. איהר האט ניט קיין נאטור אבצולייגען, אבער איהר נעהמט זיך א גיהעריגע צייט צו איבערלייגען. איהר זייט אויפפאסענד אבער גיט פערדעכטיג. א·יער פארזיכטיגקייט איז א שארפזינניגע אבער ניט קיין פורכטזאמע, ווען·איהר זייט אויפגע־רעגט קענט איהר האנדלע איבערהייל֫ענד. אבער אין אלגעמיי זייט איהר זיכער. אונד ארבייט נאך אייערע נוט־בעטראכטע פלענער.

(4) דורכשניטליך.—איהר·זייט אימשטאנדע צו זיין קלוג אונד פארזיכטיג, אבער מיט איין אויפגירעגטען טעמפעראמענט קענט איהר זיין איבערהייל֫ענד אונד ניט זיכער,— ווייל איהר האנדעלט מעהר נאך׳ן אימפעט אלס נאכ׳ן איבערלייגונג. איהר זייט געניינט צו האנדלען אין היילעניש, אונד איהר קענט זיך פערשאפען אונאנ־גענעהמליכקייט ווייל אייך פעהלט דיא נויטיגע איבערלייגונג.

(2) מיטעלמעססיג,—איהר זייט אונפארזיכטיג אונד ניט נעשיקט. איהר זייט אונטערווארפען צו דיא ליידען וואס קוממען דערפון ווייל אייך פעהלט דער ישוב הדעת. איהר בעגעגענט זיך מיט פיעל סיבות. איהר ריזיקירט צופיעל. איהר מאכט אונטערנעהמונגען ניט בעטראכטענדיג דיא קאסטען. איהר האט פאר קיין זאך ניט קיין

מורא, איהר זייט איבערהיילינ. אונד זייט נעניינט צו נעהן „אין פייער.

(2) קליין.—איהר ווייסט ניט וואס שרעק איז. איהר זייט איבערהייליג, אונפארזיכטיג. אונד איהר טרייבט זיך אליין אריין אין זארג אונד פערדרוס·

(1) זעהר קליין.—איהר זייט אזוי וויא עס איז בעשריע-בען איז (2). אבער אין א קלענערן גראד. איהר האט ניט קיין פארזיכטינקייט.

## XXVII.—לויב.

(7) זעהר גרויס.- איהר זייט ניט בעזאנדערס נעפיהל פאל צו לויבען אדער צו טאדלען. איהר קימערט זיך פיעל וועגען דעם וואס לייט וועלען אויף אייך זאגען. איך ערגערט זעהר ווען מען טאדעלט אייך, אונד ווערט שמאלץ ווען איהר הערט אז מען לויבט אייך, אייער שטרעבען איז צו ווערען בעקאנט. אויסגעצייכענט אונד עהרעננהאפט. אונד אויב איהר זאלט ניט האלטען דעם ארגאן אונטער א גוטע קאנטראלע. קענט איהר מיט דער צייט ווערען א פוסטער בעל גאוה.. איהר גרויסט זיך בלויז דאן ווען דיא העפליבקייט פאדערט עס.

(6) גרויס.—איהר האט ליעב אז מען לויבט אייך. אונד איהר פיהלט א ווייטאג ווען איהר הערט אז מען טאדעלט אייך, איהר זייט זעהר נייגעריג צופריעדענצושטעלען אנדערע. אייער שטרעבען איז צו לויבטען, אונד אום צו בערוהיגען אייע- געדאנקען זייט

איהר א־ממער אויף דיא וואכע וועגען דיא הניפות. אייער איידעל קייט גרייכט דיא העכסטע שטופע. בלויז דער געוויסען קען אייך אבהאלטען פון פאלשקייט אונד לינען צוליעב דעם וואס איהר זאלט זיין ערטרעגליך, אונד אין אייערע האנדלונגען וועט עס אייך אויך ריכטען נאך דעם וויא איהר דיינקט אז עס איז רעכט, אבער ניט נאך דעם וואס לייט וועלען דיינקען וועגען אייך. איהר דארפט ענט־וויקלען זעלבסט שעטצונג אונד געוויסען אנשטאט אייער גרויסע' ווילען צו זיין בעאייפלוכט פון דעם וואס לייט זאגען, עס מאכט ניט אויס וואס חיים יאנקעל וועט זאגען.

(5) פאלקאם.—איהר האט א גוטען רעספעקט פיר דיא טיינונגען פון אנדערע. איהר שעצט לויב, אבער איהר וועט ניט אפפערן אייער אייגענליעבע אונד אייערע פרינציפען אום דאס צו ערייכען. איהר קענט ערטראגען א מיינונג ווען עס ווערט אויסגע־דריקט אויף א ריכטיגען ארט. איהר ליעבט זיך ארויסצוצייגען גוט. אבער איהר זייט ניט שטארק נייגעריג וועגען ארויסצייגען זיך. דורך גרויס פארזיכטיגקייט קענט איהר שעטצען א כאראקטער זעהר גרויס. איהר זייט העפליך, אבער איהר חנפ'עט זיך ניט אונטער. אונד איהר האט א היבשען גראד פון פיינעם שטרעבען.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט ניט אבהייעניג פון לויבען ארער טאדלען. איהר זייט זעלבסט שטענדיג אונד אייך ארט ניט וואס מען וועט אויף אייך זאגען. איהר שעצט דיא לויב פון אייערע מיטמענשען אבער איהר ווערט ניט שטארק ענטציגט פון זייער לויבען. אדער איהר פיעלט ניט קיין טיעפען פערדרום ווען זיי

טאדלען אייך. איהר האלט ניט פון חניפות אדער ניט קיין ערנסטע קאמפלימענטען, איהר זייט אויך ניט גענייגט זיך צו געבען דיא מיהע אויסצואיבען דיא העפליכקייט אדער צו געווינען איין ליעב.

(3) מיטעלמעססיג.—אייך קימערט זעהר וויינינ וועגען געמיינשאפטליכקייט, איהר זייט ניט געזעלשאפטליך אונד איהר האסט הניפות אדער פוסטע קאמפלימענטען. ווען מען טאדעלט אייך עסט איהר זיך ניט אָפּ דיא האדין, אונד ביי אייך האט א קליינע ווערטה ווען מען שעצט אייך.

(2) קליין.—ביי אייך האט א קליינע ווערטה וואס אנדערע דיינקען אדער זאגען אייך. איהר האט קיין רעספעקט פיר עטיקעט מאָדע אדער פאסאן. איהר זייט פראסט אונד אונאנגענעהם אין אייערע מאנערן, אונד איהר זייט צו אונאבהייננגיג אום צו זיין בעקאנט אדער בעליעבט. איהר לייגט א צו ניעדעריגע ווירדע אויף דעם וואס לייטע זאגען.

(1) זעהר קליין.—איהר זייט גלייכגילטיג צו טאדעל אדער ליעב. אונד אייך קימערט וויינינ פיר אייער גוטען נאמען.

## XXVIII.—זעלבסט־שעטצונג.

(7) זעהר גרויס.—איהר האלט זיך גרויס. שטאלץ, הערשענד אונד רעגיערענד. איהר האלט דיא קאפ אין דער הויך אונד זייט הארטנעקיג. איהר האלט זיך גרעסער פון אללעס. איהר האט לוסט צו שטרעבען אונד זייט ערוועבענד אין דיא גרעסטע שטופפע, אונד ווען אנדערע איינענשאפטען זאלען ניט בעהערשען

אייער נאטור אין דער הינזיכט קענט איהר זיך איינבילדען א גרויס־קייט אין אבשטויסענע אנגעצויגענהייט אונד ווערען אונערטרעגליך. איהר דארפט זעהען דאס דער ארגאן פון גאָט שעטצונג אונד מענשען רעספעקט זאל קאנטראלירען אז איהר זאלט ניט שעטצען זיך צו הויך, צופיעל גרויסקייט איז א פעהלער אונד א בעליידיגונג.

(6) גרויס.—איהר דיינקט זעהר פיעל וועגען אייערע אייגענע פעהיגקייטען. איה־ פערלאזט זיך אויף זיך זייער פיעל. איהר זייט כיי זיך זעהר גרויס אונד איהר האלט פון זיך. זעהר זעלטען ווענדעט איהר זיך נאך א עצה, אונד ווען מען גיט אייך א'ן עצה פאלגט איהר אויך ניט. איהר וועט זאגאר ניט אויפהערען יענעם צו אונטערדריקען. איהר שטרעבט הויך. אונד שטעלט זיך ניט צו־פריעדען מיט א געוועהנליכען ערפאלג אדער מיט קליינע געשעפטען. אייער וואונש איז צו איבערשטייגען אללע אנדערע, איהר זאלט שטעהן אן דער שפיטצע פון אייער קלאססע אדער פראָפעסיאָן, אונד אויב איהר האט אסך האפענונג ווייסט איהר ניט דאס ווארט פעהלער. מיט גרויסע מאראלע אָרגאנען קענט איהר ארויסרופען אלגעמיינעם רעספעקט; אבער ווען עס זאל רעגיערט ווערען דורך דעם אָרגאן וואס איז געניינט צו שלעכטעס וועט איהר ווערען איין עגאָאיסט. א גרויסהאלטע־, זאגען א דעה אויף אנדערע. אונד מען וועט פיר אייך מורא האבען א נד מען וועט אייך האססען. אבער ניט שעטצען.

(5) פאָלקאָם.—איהר צייגט ארויס א גוטען גראד פון אייגענליעבע. זעלבסט שעטציג אונד ערווערבונג אבער איהר האלט

זיך ניט גרויס, אונד זייט ניט אונערטרעגליך, אונד איהר וואלט ווע־לען האבען א מאכט. איהר זייט גענייגט זיך צוצוהערען צו א'ן עיצה, זאגאר איהר נעהמט עס זעלבען אָן. אונד איהר וואלט ווען זיין איין אנפיהרער מעהר אלס א נאכפאלגער. דורך דעם וואס איהר רעספעקטירט זיך אלליין וועט איהר אויך ערווערבען דעם רעספעקט פון אייערע מיטמענשען.

(4) דורכשניטליך.—דאס ארויסצוייגען פון ריעזע איינענשאפט הייננט הויפזעכליך אָפּ פון דעם וואס עס איז פער־בונדען מיט אנדערע ארגאנען וואס זיינען גרעסער; אבער אין אלגע־מיין זייט איהר גענייגט ארויכצוציינען דאם איהר האלט פון זיך, זאָ דאס איהר קענט זיך אויף זיך פערלאזען, אונד דאס איהר קענט האנדלען מיט א שטופע פון עהרענגעפיהל. גרויסקייט אונד זעלבסט שעטצונג.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר האלט זיך קליין, ניט שטאלץ, איהר שעצט אייערע מעגליכקייט אונד ווירדע קלענער וויא עס איז. אייך פעהלט זעלבסט־שעטצונג אונד אנערקענונג פון אייער ווירדע. איהר ערלויבט קלענערע פון אייך זאלען זיין דיא אנפיהרער, ווערענד דאס געהערט צו אייך. איהר קענט זיך שטעלען אויף איין ווירדע מיט אזעלכע וואס עס איז ניט ווערטה, אונד איהר קענט טהון קליינע ניעדעריגע זאכען. וועלכע וועט אייך נאכהער פערשאפען שאנדע. אייך פעהלט גרויסקייט. אונד איהר זייט צופיעל בעקאַנט מיט קלענערע פערזאנען, אום צו ווערען רעספעקטירט אפילו פון זיי.

(2) קליין.—אייך פעהלט זעלבסט-שעטצונג. גרויסקייט אונד זעלבסטשטענדיגקייט. איהר זייט ביי.זיך צו קליין. איהר ווערט שנעל פון מוטה ארונטערגעווארפען. איהר האט וועגען זיך א קליינעם מיינונג, אום צו ווירקען דאס מען זאל אייך רעספעקטירען.

(1) זעהר קליין.—וויא עס ווייזט אויס פעהלט אייך אין גאנצען דיעזע איינענשאפט.

## XXIX.—ענטשלאָסענהייט.

(7) זעהר גרויס.—מען קען אייך ניט טרייבען, אונד מען קען אייך ניט איבעררעדען. מאנכעס מאל זייט איהר גענייגט צו זייז הארטנעקיג. איהר האט איין אונפערענדערענע געזעצקייט אין אייערע אבזיכטען. איהר קענט פיעל אויפהאלטען, אונד זייט ניט געזאָננען צו ענדערן זיך. מאנכעס מאל בעזיעגט איהר אייערע אייגענע אבזיכטען מיט אייער שטארקען וויללען. מען קען פיעל פראָפעטירען ווען מען גיט אייך אביסעל אונטער. פראבירט זיך אביסעל איינבויגען

(6) גרויס.—מיט מאראלע פרינציפען קענט איהר זיין בעשטענדיג רעעל, איהר קענט ניט זייט געטריבען פון אנדערע. עס איז שווער אייך צו איבערצייגען אז איהר זייט אונגערעכט, אין אלגעמיין בעשטרייט איהר מיט פעסטגעזעצקייט אייערע בעהויפטונגען. איהר זייט זעהר פאדערענד אונד פאָזיטיוו. איהר זייט גיזעצט אין אייערע פיהרונגען. צייטענווייז מיט וויללען אויב ניט הארטנעקיג, אויב דער ארגאן פון איבערלייגונג איז גרויס קענט איהר זיך אמאָל

איבערגעבען צו פערשטאנד. אדער מיט פיעל אנהאנג קענט איהר בעאיינפלוסט ווערען פון אייערע פריינדע. אונד דורך קוראזש אונד פעסטניזעצטקייט אויף א הויכען גראד האלט איהר זיך ביי אייערע מיינונגען, אויב זיי זיינען ריכטיג אדער ניט. אונד איהר וועט קיין מאל ניט ענדערן אייערע פלענער וועלכע איהר האט א מאל אנגענומען.

(5) פ א ל ק א ם.—איהר צייגט ארויס א גרויסען גראד פון פעסטניזעצטקייט, פאדערענד אונד אויסהאלטענד, אבער איהר זייט ניט איינגעשטעלט אונד ניט הארטנעקיג, אדער איהר קענט ענדערן אייער מיינונג אדער אבזיכט ווען מען זאל אייך איבערצייגען אז זיי זיינען ניט ריכטיג אדער ניט פראקטיש. אונטער דעם איינפלוס פון גרויס פארזיכטיגקייט קענט איהר ארויסצייגען וויניג ענטשלאָסענהייט אונד אימעמר אפלייגען, אבער דורך דיא שטארקע ענטוויקלונג עהרליכקייט קען מען אייך ניט צוריידען אז איהר זאלט טהון אזאך וואס איהר דיינקט אז עס איז ניט רעכט. עס איז לייכטער אייך איבערצוריידען אלס אייך צו צוטרייבען.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—איהר האט ניט גענוג בעשטענדיגקייט אונד פערפערטיגונג אין אייערע צוועקען, אונד ווען איהר זאלט ניט בעאיינפלוסט ווערען פון פיעל רדייסטינקייט, עהרליכקייט אונד פון דעם ארגאן וועלכער פאראורזאכט דעם עפעקט. קענען האבען א ווירקונג דיא וואס זיינען ארום אייך. אונד איהר קענט פערלאזען אייערע אידעאלען ווען מען זאל אייך אטאקירען,

(3) מ י ט ע ל מ ע ס י ג.—איהר זייט צופיעל געניגט זיך

צו ענדערן. עס איז לייכט אייך איבערצורעדען. אייך פעהלט בע־שטענדינקייט, אייך איז לייכט צו זאגען „איך קען ניט”. איהר זייט אָפט אונעטשלאססען אונד זייט געזואנגען צו געהען מיטן שטראָם.

(2) קליין.—איהר זייט ניט געזעצט אונד וויינערענד, ווער־דענדיג, אנגרייפענד אונד פערענדערליך. איהר האט ניט אייער איי־גענעם ווילען, אונד איהר זייט אונטערוואָרפען צו זיין דער אפּפער פון אומשטענדע.

(1) זעהר קליין.—איהר זייט א ריכטיגער וועטער אנ־ציינער, וואס בייט איבער דיא ריכטונג פון דיא מינדעסטע פערענ־דערונג וואו דער ווינד בלאזט. גיט זיך דיא מיהע צו האלטען זיך ביי איין זאך.

## XXX.—דיא ליעבע צו גערעכטיגקייט אונד געוויסען.

(7) זעהר גרויס.—איהר ווערט רעגירט פון אייערע מאָראלע פּרינציפּען. איהר זייט העכסט פּינקטליך אין גירעכטע האנד־לונגען. פאלקאם עהרליך, איהר זייט אימער פערטיג זיך צו בעשול־דיגען, אונד צו טהון תשובה פיר אירגענד וועלכע אונרעכט. איהר זייט גענייגט צו טאדלען אדער אורטהיילען. איהר זייט ווייניג מוחל דערפאר וואס דיא מענשליכע נאטור איז שוואך אונד ניט פאלקאם. איהר זייט פּינקטליך אין אויסקלייבען פריינדע. איהר האט זיך אויס־געקליעבען א הויכען שטאנד פון מאָראל, אונד איהר ווערט ניפּיינינט

פון געוויסענסביססע ווען איהר נעהט אראפ פון דיא שמאלע וועג וואס איהר האט זיך אויסנעקליעבען. ווען איהר זאלט ניט קאנטראלירען דיעזען ארגאן, קענט איהר ווערען קרענקליך אין אייערע געפיהלע, אין האנדלונגען פון גירעכטינקייט.

(6) גרויס—איהר זייט אונטערוואָרפען אונטער דיא אייגענשאפט צו זיין העכסט ארענטליך אונד אויפריכטיג אין אייערע האנדלונגען. איהר האסט אללעס וואס איז אונגערעכט אונד וואס עס איז נאך אייער מיינונג ניט ריכטיג. איהר פיהלט זיך זעהר שולדיג ווען איהר ווייסט אז איהר האט געטהון א'ן אונרעכט. איהר זייט זעהר שטרענג אין פארווירפע פיר א'ן אונרעכט. אבער איה רקענט פערגעבען ווען מען צייגט ארויס חרטה. איהר נעהמט איממער אין אנבעטראכט דיא פליכט איידער איהר בעדיענט זיך מיט וואס. איהר זכט איממער אויסצוגעפינען וואס עס איז רעכט אונד דאן פאלגט איהר עס נאך מיט איין ערנסטע הארץ, אבער דורך א פאלשע בילדונג קענט איהר געוויסענהאפט טהון שלעכטעס אונד מיינט אז עס איז רעכט, אבער דורך אייגען ליעבע וועט איהר אראפ פון וועג. איהר וועט ש:על חרטה האבען אונד זוכען זיך אויסצובעסערען. איהר זייט פיעלייכט מעהר געניינט זיך צו בעשולדיגען אונד צו בעפרייען, איידער צו זיין פינקטליך אין אורטהיילען אנדערע.

(5) פאָלקאָם.—איהר האט שטארקע געפיהלע פיר גערעכטיגקייט. איהר זייט עהרליך אונד אויפריכטיג אין אייערע אנזיכטען. אבער איהר וועט זיך אונטערגעבען אונטער דאס איינפלוס פון שטארקערע אייגענשאפטען נעגען אייער געוויסען. איהר בעדיענט

זיך מיט וואס עס האט ביי אייך א גרויסע געוויכט, אבער איהר זייט קיין מאל ניט צופריעדען סיידען איהר געהט אין דיא ריכטיגע וועג. פפליכט איז ביי אייך אימטער אין געדאנקען. אבער עס איז ניט אימטער דער רעגיערער פון אייערע האנדלונגען ניט אללע מאל קענט איהר ווידערשטעהן דעם יצר הרע אונד בעקענט אפט א זינד, אבער איהר זעהט זיך באלד ארום אונד איהר האט חרטה אונד אייך פערדריעסט.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט געניינט צו טהון וואס עס איז רעכט אונד ווערט גיפיהרט פון מאראלע פרינציפען. אבער איהר האט אימטער דיא קראפט צו ווידערשטעהן דעם רייץ, וועלכע אנדערע וואס בעזיעצען שטארקע איינענשאפטען. ווען איהר טהוט איין אונרעכט זייט איהר געניינט זיך צו געבען גירעכט, גאנץ אפט ווערט איהר רעגיערט אין אייערע האנדלונגען מיט דעם געדאנקען פון בענוטצען זיך. מעהר אלס נעהמען אין אנבעטראכט דיא פליכט פון מאראלע רעכט. דורך דעם וואס אייערע נייגונגען זיינען שטארק, מיט א מיטעלמעסכינע זעלבסט-שעטצונג. עהרע-געפיהל אונד גייסטיגקייט. צייגט איהר ארויס פיעל אייגעננוטציגקייט, אונד א שוואכעז פערשטאנד פון פליכט, עהרע אונד רעעלקייט, אבער ווען דיעזע צושטענדע זאלען זייז פערקעהרט. קענט איהר זיין עהרליך אונד פערטרויאוננספאלל אונטער געוועהנליכע אומשטענדע פון רייץ.

(3) מיטעלמעססיג.—אייער געדאנקען וועגען רעכט אונד אונרעכט איז שוואך, אונד איהר זייט געניינט זיך צו בענוטצען

פיר אייערע אייגענ'ז אינטערעסען מעהר אלס גירעכטיגקייט. אדער איהר קענט זיך צוריקהאלטען פון אונא־ענטליכע האנדלונגען דורך אייער ליעבע זיך ארויסצוצייגען פיין אדער דורך פארזיכטיגקייט.

(2) קליין.—איהר בעזיצט א ביסעל אייגענשאפט פון גי־רעכטיגקייט, אונד טהוט זאכען ריכטיג ווייל עס איז פאסענד פיר דיא אומשטענדע, אדער ווייל איהר האט מורא פיר דעם רעזולטהאט וואס דאס קען פעראורזאכען אבער ניכט פיר מאראלע פרינציפען. איהר ווערט רעגיערט פון אייגעננוטץ.

(1) זעהר קליין.—אייך פעהלט בענאהע אין גאנצען מאראלע פרינציפען.

## XXXI.—האפענונג.

(7) זעהר גרויס.—איהר צווייפעלט ביינאהע גאר ניט אויף דאס וואס איהר ערווארטעט. אללעס וואס איהר פערלאנגט זעהט ביי אייך אויס אז עס קען עררייכט ווערען. איהר בויט לופט שלעססער. איהר האט פיעל שיפען אויפ'ן ים אונד דיינקט אז זיי וועלען אללע קומען געלאדען מיט אללעס גוטעס, אונד לעבענדיג פיר דיא צוקונפט. וועלכע שיינט אייך זעהר העלל. זייט איהר איממער פריילאך אין גוטען מוטה אונד גליקליך. פון אייערע האפענונג לאזט זיך קיין מאל ניט אויס, קיין מאל בעקומט איהר ניט דיא העלפט וויא איהר האט ערווארטעט. אונד איהר פערברייננגט אייער לעבען אין פראכטפאללע פאנטאזיעס.

(6) גרויס.—איהר זייט נעניינט צופיעל זיך צו פערלאזען

אויף דיא צוקונפט. איהר בעטראכט נור דיא העלע זייטע פון אלעס. איהר פערזעהט הינטערניססע אונד אונגליקען. איהר אונטערנעהמט זיך פיעל מעהר וויא איהר קענט פערפאלקאממען, ווען עס לאזט זיך אויס ניט אזוי וויא איהר האט ערווארטעט. בערעכענט אז איהר זאלט האבען מעהר גליק דעם אנדערן מאל, איהר גלויבט אסך אז דיא בעסערע צייטען וועלען קומען. איהר זייט ריזיקירענד. שוועבענד אונד פריילאך. איהר זייט קיין מאל ניט פערצווייפעלט. איהר האפט אונד האפט איממער. איהר לעבט מיט דיא צוקונפט מעהר וויא מיט דיא געגענווארט. איהר זייט גענייגט צו ווערען ארייננעפיהרט אין דיא העכסטע פערשווענדערישע אויסגאבען אונד אונטערנעהמען גרויסע ספעקולאציאנען אויף פוסטע פאנטאזיעס וועלכע לאזען זיך או ס מיט א מאוס ן סוף.

(5) פ אָ ל ק א ם.—אייערע ערווארטונגען זיינען אין אלגעמיין מיט פערשטאנד. איהר זייט ענטהוזיאסטיש אונד אונטערנעהמענד, אפט לאזט זיך אויס בעסער וויא איהר האט ערווארטעט. איהר זייט ניט פיעל געזאנגען צו בויען לופט שלעסער אונד ווען אייערע שיפען קומען פון ים ערווארטעט איהר א געוועהנליכע פראכט. איהר ערגערט זיך ניט צופיעל אונד אויך זייט איהר ניט צופיעל בע'שמחה'ט.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—איהר זייט מעהר געניינט צו ערווארטען אדער אונטערנעהמען ווייניג אלס אסך. איהר פערלירט שנעלל דעם מוטה דורך דיא הינדערניסע וואס איהר בעגעגענד. מייסטענס נור ווייל איהר בילדעט זיך איין. צייטענווייס בעטראכט

איהר נור דיא טונקעלע זייטע פון געגענשטאנדען. אונד זייט געניינגט צו זיין צופריעדען מיט דיא געגענווארט מעהר אלס האפען אויף דיא צוקונפט. אין אלגעמיין רעכענט איהר אויס דיא קאסטען אונד איי־דער איהר טהוט אריין געלד אין א אונטערנעהמונג זעהט איהר אז עס זאלל זיין זיכער.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט זעהר מיטעלמעססיג אין אייערע ערוואַרטונגען פיר דיא צוקונפט. איהר זייט געניינט צו פערצווייפלונג, איהר בעטראכט אָפט דיאַ טונקעלע זייטע פון געגענ־שטאנדע, אייך פעהלט דער אונטערנעהמונגס גייסט, אונד איהר האט מורא זיך צו אונטערנעהמען א גרויסע זאך. איהר מאכט זי־כערע איינקינפטע, אבער קליינע. איהר לעבט אין דער געגענווארד. איהר האט מורא פיר דיא צוקונפט מעהר אלס האפענונג.

(2) קליין.—איהר ערוואַרטעט ניט קיין סך פון דיא צו־קונפט אויסער שלי מזל. איהר זעהט אזוי פיעל הינדערניסע אונד ענטמוטהיגונג בעפאר אייך אז איהר האט מורא צו אונטערנעמען דאס קלענסטע. איהר קענט ווערען פערצווייפעלט אונד מעלאנ־כאליש.

(1) זעהר קליין—איהר ערוואַרטעט ווייניג אדער גאר־ניט וואס עס איז ווינשענסווערט. אונד אונטערנעהמט גארניט וויל איהר האט מורא אז איהר וועט פערלירען.

## XXXII.—גייסטליכקייט.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט א שטארקען אנשאַאונגס

פארצוג פיר דאס וואס איז רעכט אונד גוט. איהר גלויב אין גיי־
סטיגע בעוועגונגען אונד קענט אונטערנעהמען דיא ריכטיגע וועג ווען
איהר זאלט זיך פיהרען נאך דעם וויא איהר גלויבט אינערליך אז
עס איז ריכטיג. א קריינקליכע אדער אונערווארטעטע האנדלונג
פון דיעזע אייגענשאפט קען אייך פיהרען צום אבערגלויבען. איהר
זאלט בלינדער הייט גלויבען אין חלומות. סימנים וואהרזאגער אונד
פאלשע פראפעטען, אדער פארצונעהמען רעליגיעזע פאנאטיזם. מען
מוז דאס ריכטיג רעגולירען אונד זעהען דאס עס זאל האנדלען אין
הארמאָני מיט'ן פערשטאנד, זאנאר ווען עס שטייגט אריבער.

(6) גרויס — איהר האט א גרויסע מאָס פון גלויבען, איין
אינערליכען בעוואוסט זיין פון רעכט. פליכט, ווארהייט. פאלשקייט און
וואס עס איז גוט. איהר האט ליעב נאכצודיינקען וועגען גייסטיגע
פראגען, וועגען אונשטערבליכקייט פון דיא זעעלע. דער צוקינפטיגער
לעבען, דער עקסיסטענץ אונד פאלקאמענהייט פון גאט אונד פון
דעם שיקזאל פון מענשען. איהר האט הנאה פון גייסטיגע געמיינ־
שאפטליכקייט אונד פון דיא פערמישונג פון זעעלע מיט זעעלע. אונד
אויב דער אָרגאן פון רעספעקט צו גאטהייט איז גרויס. געפינט איהר
ריהרענדע בעגייסטערונג אין הייסע תפלה, אונטער געוויכע צו־
שטענדע פון דיא פיזיישע סיסטעמע קען מען פון דער נאטור זיין א
נביא, ווערען פארגעזאגט אין בעטראכטען אדער אין חלומות. מערקען
דיא וואהרהייט דורך דעם אינסטינקט, אונד זאגאר זיין בעשאנקען
מיט פראפעטישע אייגענשאפטען, מען מוז גוט אויפפאסען דאס
דיעזע נאבעלע אייגענשאפט זאל ניט פערברויכט ווערען צו שלעכטעס.

אונד ניט ערלויבען צו פערדארבען אונזער גלויבען מיט אבערגלויבען אדער אונזער פרומקייט זאל איבערגעהן צו פאנטאזיה.

(5) פאלקאם.—אייך פערהאלט ניט קיין טהעטיגקייט אין גלויבען. איהר האט א גוטע טהייל פון גייסטיגע פיהלונג אונד א היבשע טהייל אנשאונגס בעגייסטערונג. אבער איהר ערלויבט זיך ניט צו פיהרען נאך דיא פארזאגונג, וועלכע וואלט אייך געפיהרט אויפ'ן ריכטיגען וועג. אייער וואונש איז צו גלויבען אין דיא ריינע וואהרהייט. אבער איהר ווע־ט מאנכעס מאל בעזעצט מיט פער־צווייפלונג.

(4) דורשניטליך.—אייך פעהלט ניט דיא אינערליכע אויפקלעהרונג. איהר האט מאנכע גייסטיגע אונטערריכטונג. און זייט ניט גענייגט צו פעראכטען דיא פיהרונגען פון דעם אינערליכען גע־דאנקען, אבער אייער גייסטיגע אונטערריכטונג זיינען ניט אימער קלאר גענוג אים צו האבען א גרויסען איינפלוס. אינד אייער גלויבען אין דיא וואהרהיט דערפון איז אזוי ווייניג אז עס קען ניט האבען גרויסע ווירקונג אין אייער לעבען.

(3) מיטעלמעססיג.—דיא גייסטיגע טהייל פון אייער נאטור האט אזא איינפלוס וויא עס איז ווינשענס ווערט. איהר האט ניט קיין קלארען בעגרייף וועגען גייסטיגע זאכען. אייך פעהלט גלוי־בען. איהר גלויבט ווייניג אין זאכען וואס מען קען ניט איבערצייגען מיט לאגיק. איהר פערלאזט זיך אויף איבערצייגונג מעהר אלס אויף אונבעשטימטע אנשויאונגען. אונד וואלט וועלען זיך איבערצייגען אין

אללעס אום פעסט אנצוהאלטען דאס וואס עס איז גוט.

(2) קליין.—איהר האט א קליינעם בעגריעף ווענגען גייס־טינע וואהרהייט. מען מוז אייך איבערצייגען איידער איהר וועט גלוי־בען, איהר ווערט ניט געפיהרט פון גלויבען. איהר זייט אימטער אין צווייפעל. איהר האט ניט קיין פארפיהלונגען אונד גלויבט ניט אין דעם.

(1) זעהר קליין.—אייך פעהלט בייגאהע אין גאנצען דיא גייסטיגע פיהלונגען. איהר גלויבט וויינינ אדער גארניט. איהר זייט צווייפעלהאפט אין בעצוג פון קינפטיגען לעבען (תחית המתים) איהר גלויבט ניט אין שיקזאל פון הימעל אונד פעראכטעט פאהר־פיהלונג.

## XXXIII.—ליעבע צו גאטהייט אונד רעספעקט צו מענשען.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט העכסט שעטצענד, אונ־טערווארפען, אונד זייט געניינט צו זיין רעליגיעז, טהון תפלה אונד תשובה צו גאט. כיי גייסטינע אומשטענדע קענט איהר ארויסציינען גרויסע הייסקייט אין אייער בעטען בעפאר דעם אלמעכטיגען. איהר צייגט ארויס א גרויסע אכטונג פיר הייליגע צערעמאניען, מנהגים אונד אנשטאלטען אונד האט רעספעקט פיר עלטערע. גרעסערע, בעסערע אונד געלעהרטע.

(6) גרויס.—איהר זייט דורך אייער ארגאניזאציאן שטארק

געניגט צו תפלה, איהר האט גרויס פערגעניגען פון רעליגיעזע איי־בונגען. איהר טהוט תשובה מיט גרויס היטץ. איהר פיהלט זיך עהרעפורכטיג אין דיא געגענווארט פון גרויסע מענשען. איהר שעצט זעהר דיא עלטערע. איהר זייט קאָנסערוואטיוו אין אייערע אנזיכטען איהר שעצט פארצייטיגע מנהגים אונד צערעמאניעס, איהר זייט נעניגט צו אכטען אמאָליגע מנהגים אונד איהר שעצט דיא אלטע פיהרונגען. איהר נויטיגט זיך צו פערהיטען אז דיעזע אייגענשאפט זאל זיך ניט פערענדערן אונד זאל ניט פיהרען צו א צו שטארקע פרומקייט. שקלאפען־מורא און דיא הערשונג פון פינסטערן אימפעט. זייט פארזיכטיג אנצו־ווענדען אייערע אייגענשאפט אין דיא ריכטיגע וועג.

(5) פ אָ ל ק אָ ם.—אייך פעהלט ניט קיין איבערגעבענהייט. שעטצונג פיר דיא גרעסערע. אכטונג פיר דיא עלטערע. איהר זייט ניט מיט דעם געדאנקען צו ענדערען דיא איינגעפיהרטע מנהגים, אבער דיא אומשטענדע האבען א גרויסען איינפלוס אויף דיעזע גע־מיטליכקייט, אבער דאס ווערט שוואך אדער שטארק ארויסגעצייגט לויט נאך דעם וויא דיא אנדערע אייגענשאפטען שפארען אן אדער האלטען צוריק. ביי אייך קען אפט פאסירען אינערליך א קאמפף צווישען דיא וועלטליכע אונד גייסטליכע.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—איהר זייט געניגט צו טהון תפלה ווען עס ווערט אויסגירופען דיא געפיהלע פון איבערגעבענהייט, אבער איהר זייט אימשטאנדע דיא רעליגיאָן צו בענוטצען צו גישעפט אדער פיר אירגענד איין אנדערן צוועק. האנדלענדיג מיט גירעכ־

טיגקייט אונד וואהלטהאט קען אייער עהרענגעפיהל אייך פיהרען צו טהון יושר, רחמנות אונד גוטע טהאטען. וועט זיין דער פונדאמענט פון אייער רעליגיאָן, וועהרענד ד"א צערעמאניע תפלה טהון איז ביי אייך ניט זעהר וויכטיג.

(3) מימטלמעססיג.—אויב איהר זייט רעליגיעז איז דאס וואהרשיינליך דערפאר וואס אייער בילדונג איז גיוועז גינסטיג רערצו. אונד איהר האט געהאט דאס גליק צו ווערען ערצויגען אונ־טער א רעליגיעזען איינפלוס. אבער אייער רעליגיאָן איז פיר ארבייט מעהר אלס פיר מענשליכקייט, אונטערגעבענהייט אונד גלויבען. איהר האט וויינינ רעספעקט פיר מנהגים אונד צערעמאניען בלויז דערפאר ווייל עס איז אלטמאָדיש, אונד אויך האט איהר קיין עהרפורכט פיר גלויבען מנהגים אונד צערעמאניען.

(2) קליין.—איהר האט ווייניג אויפאָפפערענדע פיהלונגע, אונד אייך פעהלט עהרפורכט פיר עלטערע אונד רעספעקט פיר גרע־סערע.

(1) זעהר קליין—עס זעהט אויס אז אייך פעהלט אין גאנצען עהרפורכט און רעספעקט. אונד האט ניט קיין אויפאָפפערנדע געפיהלע.

## XXXIV.—וואהלטהאט.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט א ברייטע, ליעבענדע גוטע הארץ, איהר זייט בעזאנדערס וואהלטהעטיג, א בעל צדקה, אונד זייט מוחל ווען מען טהוט אייך אין עולה. איהר האט מיט־

לייד אונד איין אפענע בייטעל, אונד אויב אייער ארגאן פון זאמלען געלד איז מיטעלמעססיג אדער קליין. קענט איהר זיך פעראראעמען דורך דעם וואס איהר העלפט אנדערע. אדער דורך וויינעג עהרליכקייט קענט איהר צוטהיילען צדקה דיא געלד וועלכע קומט צו אייערע קרעדיטארען. האנדעלט מיט יושר איידער איהר זייט גוטהערציג. אונד ערלויבט ניט אז דער בעל רחמנות זאל איבערשטייגען דיא גערעכטיגקייט.

(6) גרויס.—איהר זייט זעהר צערטליך, גרויסמוטהיג אונד גוטהערציג. איהר זייט בערייט מיטצופיהלען מיט ליידענדע אונד צו העלפען אין א נויט, אזוי גרויס וויא אייער פערמעגען ערלויבט אייך. איהר זייט בערייט בעסער אלייך צו ליידען איידער צו זעהען וויא אנדערע ליידען. איהר זייט וואהלטהעטיג, פערגעבענד אונד א בעל רחמים. א גוטער ברודער אונד האט אימער אין זיננען צו טהון גוטעס.

(5) פאלקאם.—איהר זייט גוט אונד פערפליכטענד. איהר האט ליעב צו זעהען וויא אנדערע זיינען גליקליך. אונד אייער וואונש איז זיי צו מאכען גליקליך. אכער איהר וועט זיך ניט אנשטרענגען צופיעל אום צו ערלייזען אייערע שכנים פון שווערען יאך, אונד איהר קענט ערלויבען דאס אייער אייגענליעבע זאל בעהערשען אייער גוטסקייט. אויב אייער געוויסען איז איין עהרליכער אונד דער ארגאן פון געוויסען איז גרויס וועט דער יושר זיין ביי אייך בעפאר דיא גוטסקייט.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט גוט צו דיא וואס

איהר ליעבט. בעזאנדערס אויב דיא אנציהונגס־קראפט איז גרויס. אונד איהר קענט זיין איז אלגעמיין וואהלטהעטיג דורך דעם איינ־פלוס פון דעם וואונש אז מען זאל אייך לויבען. אונד פיר אייערע אייגענע נוטצען, אבער איהר זייט ניט געניינט צו זיין א בעל צדקה.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט געניינט צו זיין פער־פליכטעט. איהר צייגט ארויס א געפיהל פון גלייכגילטיגקייט אין בעצוג פון בעקוועמליכקייט אונד וואהלזיין פון דיא וואס זיינען ארום אייך. איהר האט זיך אליין צופיעל ליעב אונד סימפאטיזירט ניט מיט אנדערע.

(2) קליין.—אייך קיממערט ווייניג פיר דיא ליידען פון אנ־דערע זאלאנג איהר אליין זייט בעקוועם. איהר זאגט: „עס איז ניט מיין דאגה", איהר האט ניט דעם זיססען מיטפיהלונג אין אייערע זעעלע

(1) זעהר קליין.—איהר זייט בייגאהע אין גאנצען איי־גענניטציג. איהר האט ניט קיין גראסמוטהיגע אונד סימפאטישע גע־פיהלע.

## XXXV.—מעכאניזום אונד ערפינדונגען.

(7) זעהר גרויס.—איהר דארפט ארויסצייגען איין זעל־טענע פעהיגקייט צו ערפינדען, א ליידענשאפט צו מאכען פערשיע־דענע זאכען אונד מיט א גרויסען אויגען פון פילאזאפירען האט איהר א הויכען טאלאנט צו ערפינדונגען. איהר נעהמט זיך צו געצייג נא־

טירליך. און זעהט אויס דאס איהר פערשטעהט פערשיעדענע פאכען, זאגאר ווען איהר האט עס ניט געלערנט. איהר קענט מאבען בייגאהע יעדע זאך, אונד טראכט איממער אויס נייע פערבעסערונגען. איהר קענט זיך אבגעבען מיט מעכאנישע ערפינדונגען. אונד אויב עס וועט אייך בריינגען ווייניג נוטצען, וועט עס בריינגען פיר דיא וועלט גרויסע נוטצען, אבער איהר מוזט אויסמיידען דיא אונענדליכע בע־וועגונג. אונד דעם שטענדיגען טראכטען וועגען דעם.

(6) גרויס.—איהר האט א גרויסען געשמאק אונד טא־לאנט פיר מעכאנישע שטודיאום. איהר האט הנאה פון בויען. פער־ריכטען אונד מיט בעשעפטיגונג פון מאשינערי. מיט פיעל נאכאה־מונג קענט איהר אלעס נאכמאכען ווען איהר קוקט אויף א פאסאן זאגאר אללעס וואס איהר האט געזעהן וויא מען מאכט. אונד מיט פיעל קראפט פון טהעטהיגקייט זייט איהר שטארק געניינט צו ער־פינדען אונד אויסצוטראכטען נייע וועגען וויא אזוי צו מאכען פער־שיעדענע זאכען. אלס א שרייבער וואלט איהר ארויסגעצייגט פיעל געשיקטליבקייט אין צוזאמענשטעלען פראזען, וויא אויך אין ארראנזי־רען דעם מאראל פון דעם געגענשטאנד אין אייער בוך אדער אויפ־זאטץ,

(5) פאלקאם.—איהר בעזיצט א גוטען גראד פון מעכאנישען אורטהיילען אונד ערפינדונגען. איהר זייט פאראינטערעסירט אין מאשינען אונד מעכאנישע פערהאנדלונגען, אונד דורך פראקטיק קענט איהר מיט דערצייט ערווערבען א געשיקטליבקייט אין בענוט־צען זיך מיט געצייג,

(4) דורכשניטליך,—מיט א בילדונג פיר מעכאניק,— א גרינגליבע לעהרע פיר א בעזאנדערען פאך—קענט איהר זיין א גוטער ארבייטסמאן. אבער איהר צייגט ארויס קיין בעזאנדערע ליעבע צו דעם געברויך פון געצייג.

(3) מיטעלמעסיג—איהר זייט ניט געשיקט אין דעם געברויך פון געצייג, אונד זאלט זיך ניט אונטערנעהמען אירגענד וואס עס פאדערט מעכאנישע קענטניס,

(2) קליין,—אייך פעהלט דער טאלאנט פון אויפבויען, אונד איהר זאלט ניט אָנפאנגען צו ערפינדען.

(1) זעהר קליין,—איהר זייט זייער ניט געשיקט אין געברויכען געצייג (אויב איהר נעהמט זיך וועז דערצו) אונד קענט ביינאהע ניט אויסבויען א שטעלכעל פיר הינער.

## XXXVI.—אידעאלען.

(7) זעהר גרויס.— איהר האט א גרויסען פארצוגליכע געשמאק. דיא העכסטע גראד איידעלקייט אונד שטארקע ליעבע צו שענקייט. איהר לעבט אין איין איידעלע וועלט. איהר האט אנגע־קליעבען א ריינעם גראד פון כאראקטער אונד מאנערען. איהר בע־זיצט א לעבעדיגע פארשטעלונגס־קראפט, אונד מיט א גייסטיגע טעמפעראמענט אונד א גוטע ענטוויקלונג פון דיינקונגס־קראפט פערפאלקאמענהייט. נאכאהמונג אונד ז. וו. זייט איהר אימשטאנדע צו ערדייכען איין ערפאָלג אין דיא העכסטע שטופפע פון פאָעזיע אונד קונסט. אייער נעפאהר ליעגט אין דעם וואס עס איז אייך

שווער צופריעדען צו שטעלען און האט א טיראנישע הערשאפט איבערן אידעאל, ווייל דאס שליסט אייך אויס פון נעהמען אנטהייל אין דיא אינטערעסאנטע פערגעניגונגען פון דער וועלט, וואס רינגעלט אייך ארום.

(6) גרויס,—איהר קענט פארשטעלען אין געדאנקען פאנ־טאזיען איידעל אונד מיט א פיינעם געשמאק. איהר האט ליעב פאעזי. קונסט. אונד דאס שעהנע אין דער נאטור. איהר פערשטעהט זעהר גוט וויא זיך אויסצודריקען אונד וויא זיך צו פיהרען, איהר זייט פראכטפאלל אונד גלענצענד אין אייערע מאנערען. איהר האט ערהאבענע שטרעבונגען. איהר שטרעבט צו פערפאלקאמען אין כא־ראקטער אונד האנדלונגען. אונד אויב אין אנדערע זאכען זייט איהר פאלקאם, בעזיצט איהר א טאלאנט צו שאפען דיא שעהנייט אין פאָ־עזיע אדער קונסט.

(5) פאלקאם.—אייך פעהלט ניט קיין געשמאק. איידעל־קייט אדער ליעבע צו שענהייט. איהר האט הנאה פון פאעזיע אונד איהר זייט דאנקבאר פיר עלעגאנטע אונד געצוצטע מאנערען. אונד האט א העכערען בעגריעף פון דיא ריכטיגקייט פון לעבען, אבער איהר זייט ניט געפיהלפאל, איינגעבילדעט, אדער צו שטאלץ. איהר ליעבט זיך אויסצופוטצען אונד ארויסצוצייגען. אבער איהר זייט ניט געניגט צו אָפּפערן דאס נויטיגסטע פיר ציהרונג.

(4) דורכשניטליך,—איהר צייגט ארויס מעהר ליעבע פיר דיא איינפאכע אונד גרינדליכע אלס פיר פוטצונגען. איהר זייט מאטעריאליסטיש. איהר לעבט אין דיא ווירקליכקייט, אלטעגליך

אונד פראקטיש. איהר זייט ניט פערטראכט אונד טראָגט זיך ניט ארום מיט דעם געדאנקען צו פערווירקליכען אידעאלען. איהר זייט איינ־פאך אין אייערע בענעהמונגען אונד געברויכט וויינינ ציפערען ווע־איהר רעדט אדער ווען איהר שרייבט, איהר ליעבט צו זאגען דאס וואס איהר דארפט זאגען, אין א קורצע וועג אונד אויף א ליטעראַ־רישען ארט.

(3) מיטעלמעססינ.—אייך פעהלט אביסעל געשמאק. היימיש אין אייערע בענעהמונגען. גאנץ איינפאך אין געשפרעך, אונר האט וויינינ פאנטאזיעס, איהר זייט ניט קיין ליבהאבער פון קונסט פאָעזיע אונד שענהייט אין דער נאטור. אין אייער כאראקטער פעהלט דיא ערהאבענהייט פון עדעלקייט,

(2) קליין.—איהר צייגט ארויס א בעמערקענדע אונפאָל־קאמענהייט אין געשמאק, גלאנץ אונד איידעלקייט אונד זייט אויף דיא העכסטע שטופע מאטעריאליש.

(1) זעהר קליין.—איהר האט גאר ניט קיין געשמאק אינד פארצוג פיר שעהנהייט,

## XXXVII.—ליעבע פיר ערהאבענהייט אין דער נאטור.

(7) זעהר גרויס.—איהר שעצט אונד אכטעט דיא העכסטע גראד ווילדקייט, דיא ראָמאנטישע, דיא גרויסארטינקייט. ערהאבענהייט, דיא אונבעגרענצטע, דיא וועלטליכע דיא עווינקייט.

איהר האט א וואהרע ליידענשאפט צו דיא סצענעריי פון בערג, גרויסע אנזיכטען, שאומענדע וועללען אונד רוישענדע וואססער־פעלע. איהר האט חנאה אויף דיא העכסטע שטופע מלחמה פון דיא עלע־מענטען: דונער. בליטץ, שטורם, ווען דער ים איז צורייצט, דער קאמפף פון א גרויסען שטראם אין א געוויססער, אללעס וואס איז פּרעכטיג אדער פורכטבאר. איהר האט ליעב צו בעטראכטען וויא דער ים צושפּ־ייט זיך. דיא הערליכקייט פון דעם אויסגישטערנטען היממעל. אונד מעהר פון אללעס מיטליעבע צו גאָטהייט, דיא איבער־געבענהייט אין תפלה. אונד דיא עווינקייט פון דעם בעשעפערס אר־בייט, אין ריידען אדער אין שרייבען האט איהר ליעב צו געברויכען הויך־קלינגענדע ווערטער אונד מיט ביישפּיעלע. אונד איהר מוזט זיך אויסהיטען פון זיין צו פריי אויף ווערטער אונד פוסטע דבורים. אין אנדערע זאכען דארפט איהר זיך ניט צוריקהאלטען.

(6) גרויס.— אייערע אייגענשאפטען זיינען דיא זעלבע וויא עס איז בעשריעבען אין פּאראגראף 7 אבער אין א שוואכערען גראד. מיט גוט ענטוויקעלטע ארגאנען פון פערשטאנד וועט איהר בעגריי־פען גענענשטאנדע און וועט זיין אימשטאנדע צו ערקלעהרען אייערע געדאנקען אונד נאכפארשונגען.

(5) פּאלקאם.—אייך פערשאפט פערגעניגען דאס גרויס־ארטיגע, ערהאבענע, פּרעכטיגע. אונד האט א פארצוג פיר דיא סצע־נעריי פון בערג. דיא אונגעהויערע גרויסקייט פון ים. אונד גיא גרוי־זאמקייט פון שטורם, אבער אין א שוואכערן גראד וויא עס איז בע־שריעבען אין 7 אונד 6.

(4) דורכשניטליך.—איהר צייגט ארויס בלויז א מי־טעלמעססיגען גראד פון דיעזע אייגענשאפט אין אייער כאראקטער. אונטער געוועהנליכע אומשטענדע, אבער אויב דער ארגאן איז אויפ־גערעגט מיט גרויסען קראפט. פערשאפט אייך פיעל פערגעניגען דאס ערהאבענע אונד פרעכטיגע. (זעה 7 אונד 6).

(3) מיטעלמעססיג.—אייערע אייגענשאפטען אין דיע־זען בעצוג זיינען זעהר שוואך.

(2) קליין.—אייך קימערט זעהר וועניג פיר גרויסארטי־קייט אונד פראכטפאלקייט אין אירגענד וועלכע פארמע,

(1) זעהר קליין.—אייך פעהלט ביינאהע אין גאנצען דיעזע אייגענשאפט.

## XXXVIII.—נאכאהמונג.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט דיא מעגליכקייט צו ווע־רען א פאלשטענדיגער מימיקער. איהר קענט מאכען ביינאהע יעדע זאך, ווען איהר האט נאך וואס נאכצוקוקען. איהר האט א געשמאק אונד טאלאנט צו זיין איין אקטיאָר אונד צו שילדערן דאס לעבען פינקטליך, איהר האט א נאטור צו מאכען מיט דיא הענד ווען איהר רעדט. איהר צייגט ארויס גרויסע מיטפיהלונג אין דעם אויסדרוק פון אייער געזיכט. אונד מיט דעם אָרגאן פון הומאָר אדער וויטץ קענט איהר דערצעהלען געשיכטען נאטור טריי פון לעבען. אונד קענט האלטען א געזעלשאפט אין איין לאכען פון אייער פארשטעלו־זיך אין פערשיעדענע פאזען.

(6) גרויס.—איהר האט דיא מעגליכקייט נאכצומאכען. מאכען זאכען נאך א פאסאן. איהר זייט א מימיקער אונד קענט האנדלען אלס איין אמוזירענדער כאראקטער. איהר קענט זיך גע־פיהנען בעקוועם אונטער פערשיעדענע אומשטענדע. איהר נעהמט אָן אירגענד וועלכע וויטציגע ראָלע אונד ברייננגט עס ארויס פינקט־ליך. איהר קענט זיך פארשטעלען פיר איין אנדערן מיט דיא זעלבע פרייהייט וויא איהר שטעלט פאָר זיך אליין. איהר זייט אימשטענדע נאכצומאכען א שטימע, זיטטען, איין ארט גאנג, אוסדריקע אונד ז. וו. פינקטליך וויא אייערע פריינדע אדער בעקאנטע.

(5) פאָלקאָם.—איהר בעזיצט א גוטע קראפט נאכצו־מאכען. אונד איהר קענט גוט קאָפּירען, פאָרשטעלען אנדערע פער־זאָנען, ווען איהר פּרובירט עס, אבער איהר זייט ניט געניינט אנצו־נעהמען א כאראקטער אדער נאכצוטהון, סיידען איהר ווערט אויפ־גערעגט דערצו פון מעהר איינפלוסענדע אייגענשאפטען.

(4) דורכשניטליך.—איהר קענט קאפּירען גאנץ גוט. אויב דיעזע אייגענשאפט איז אויפגירעגט אונד אונטערשטיצט פון אנדערע ארגאנען, אבער איהר האט ניט קיין שטארקע נייגונג צו מימיק אדער נאכצומאכען אנדערע. איהר ווילט זיין וואס איהר זייט, אונד ניט וואס איין אידעאל איז.

(3) מיטעלמעססיג.—אייער נאכאהמונגס מעגליכקייט איז בעגרענצט, אונד איהר צייגט ארויס וויניג נייגונג צי נעהמען א ביישפּיעל פון אנדערע, אדער צו זיין בלויז א נאכטהוער. איהר

L. of C.

זייט געניינט ארויסצוצייגען נייע וועגען. ארבייטען נאך אייערע פלע־
נער אונד זובען צו זיין אריגינעל.

(2) קליין.—איהר האט אייער איינענע וועג וויא אזוי צו
טהון, אונד זעהר זעלטען טהוט איהר נאך אנדערע מיט אייער איי־
גענעם ווילען, אדער צו נעהמע אן ביישפיעל פון אנדערע.

(1) זעהר קליין.—איהר האט ווייניג מעגליכקייט נאכ־
צוטהון אירגענד וואס. אונד צייגט ארויס ווייניג ווילען דאס צו
טהון.

## XXXIX.—וויטץ אונד הומאָר.

(7) זעהר גרויס.—איתר זייט בעמערקענד וויטציג,
פרייליך. קאָמיש, אונד האט זעהר ליעב וויטצע אונד שפאס בלויז
מיט א געוועהנליכען אידעאל. זייט איהר אין דיא נעפאהר צו ווערען
צו קאָמיש. אויב ניט קיין פּאַיאַץ. פאללען צו ניעדעריג. מאכען
הוויות אונד שפאס אין ערנסטע מאָמענטען אונד ביי ניט קיין פּאַ־
סענדע גילעגענהייטען.

(6) גרויס.—איהר זייט פאלקאם דאנקבאר פיר א וויטץ,
אונד קענט אליין אויך זאגען. איהר האט הנאה פון שפאס אונד
העלפט מיט דאס אויפצוטהון. אייער גילעכטער איז פון הארצען.
אונד האלט א גיזעלשאפט אין גוטען הומאר מיט אייערע וויטציגע
ערצעהלונגען. מיט גרויסען קראפט פון פערגלייכען אונד קוראזש
וואלט איהר זיין אימשטאנדע שארף אבצולאכען. איהר זאלט ענט־
וויקלען מעהר אידעאל. אום דאס זאל געבען אייערע וויטצען מעהר

איידעלקייט אונד פערפליכטקייט. זאנמט וועלען אייערע וויטצען ניט אימּמער זיין פון דעם בעסטען זארט.

(5) פּאָלקאם.—אייער פעהיגקייט צו שעטצען וויטץ אונד הומאר איז גוט. אונד איהר בעזיצט א היבשע מעגליכקייט צו מאכען שפּאס. איהר זייט א וויטצלינג, א שפּילער, א הומאָריסט, איבער־הויפּט ווען איהר ווערט אויפגעמונטערט פון א פריילכע געזעלשאפט, אבער איהר צייכענט זיך ניט אויס מיט'ן ארויסצייגען דיעזע אייגענ־שאַפט.

(4) דורכשניטליך.—איהר קענט הנאה האבען פון וויטץ אונד הומאר אונד שעטצען א שפּאס ווען דיעזע אייגענשאפט איז שטארק אויפגערעגט, אבער אין אלגעמיין זייט איהר געזעצט. סעריעז אונד געלאסען. אונד זייט ניט גענייגט צו ערוועקען געלעכטער אונד שפּאס.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט מעהר גענייגט צו זיין סעריעז, אלס אין אלגעמיינע רעגעל, אבער איהר קענט צייטענ־ווייז ארויסווייזען שפּילזאמקייט אונד אלס א וויטצלינג. ווען דיא זעלבסטפערטהיידיגונג אונד פערלוסט צו ווערען געליבט איז גרויס, דאן קענט איהר ניט אָננעהמען א וויטץ מיט הומאָריטעט וויא עס דארף זיין. עס וועט זיין פיר אייך גוט ווען איהר זאלט ענטוויקלען א גוטען הומאר אונד זאלט לאכען וואס מעהר.

(2) קליין.—איהר קענט ניט שנעל בעגרייפען דעם ריכ־טיגען פאקט פון א וויטץ. אונד זייט זעלטען אימשטאנדע צוריקצו־קריגען א שפּאס וועלכען מען האט אויף אייך אָנגעווענדעט. איהר

זייט ניט געניינט צו לאכען. אונד וועט פיעלייכט בעטראכטען פיר נאריש אונד ניט ריכטיג צו זיין פריילאך אונד שטיפען.

(1) זעהר קליין—איהר זייט צופיעל גיזעצט אונד האט א קליינעם בעגריעף פון הומאָר אונד קענט ניט ערטראגען א וויטץ.

## XL.—בעאאבכטונגען פון איינצעלהייטען.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט איין בעזאנדערס גוטע קראפט צו בעטראכטען. אונד האט איין אונזעטיגע נייגעריגקייט צו זעהען אללעס אונד צו וויססען וועגען אללעס וואס עס קומט אייך פאָר צו זעהען, איהר האט איין אונאיינהאלטבארע נייגונג פאנאנ־דערצונעהמען זאכען, אונד זייט זעהר פינקטליך אין דיא איינצעל־הייטען פון אייערע בעאבאכטונגען. בעמערקענדיג אזעלכע איינצעל־הייטען וואס דיא אויג פון פיעלע פערזאנען וואלט עס ניט בעמערקט. איהר זאלט זיין פארזיכטיג. אונד זיך אויסהיטען ניט צו פאלען צו לאסט אין אוסאיבען אייער נייגעריגקייט אונד ליידענשאפט צו בע־אבאכטען. איהר זאלט ניט פערגעסען דעם שטאט אונד ניט קוקען אויף אירגענד וועמען מיט אומפערשעמטהייט. ניט זיך דיא מיהע צו דיינקען גראדע אזוי פיעל וויא צו בעטראכטען. אין אנדערע זאכען האט איהר ניט פון וואס זיך צוריק צו האלטען.

(6) גרויס.—איהר זייט א גרויסער· פראקטישער בעאָב־אכטער פון מענשען אונד געגענשטענדע. איהר זעהט אללעס. אונד נעהמט אין זיננען אללע איינצעלהייטען. איהר זייט כאראקטעריזירט

אזוי וויא עס איז בעשריעבען אין פאראגראף 7 אבער אין א שוואַ־
בערען גראד.

(5) פ אָ ל ק א ם.—איהר זייט א גוטער בעאָבאכטער. איהר
האלט דיא אויגען אָפען צו אירגענד וועלכען צוועק. איהר זעהט
דייטליך אללעס וואס מען קען בעטראַכטען, אבער איהר זייט ניט
גענייגט צו אונטערזוכען גרינדליך מיט אללע פינקטליכקייטען. אייער
וואונש איז צו עקזאמענירען געגענשטאנדע אין אַלגעמיין, אבער
איהר ערלויבט ניט דאס דיעזע אייגענשאפט זאל בעקומען דיא קאָנ־
טראָלע איבער אייער כאראקטער.

(4) ד ו ר כ ש נ י ט ל י ך.—אייערע בעטראכטונגען זיינען בע
גרענעצט בלויז אויף אזעלכע זאכען וואס צייגען זיך אם מייסטענס
ארויס אדער אזעלכע וואס זאל אינטערעסירען אנדערע אונד גרע־
סערע אייגענשאפטען. אונד איז אלגעמיין מעהר אלס הויפטזעכליך.

(3) מ י ט ע ל מ ע ס ס י ג.—איהר בעזיצט בלויז געוועהנליכע
בעטראכטונגס פעהיגקייט. אונד בעמערקט וועניג. סיידען מען ער־
וועקט אין אייך דיעזע אייגענשאפט. אונד דארום קענט איהר פינקט־
ליך איבערדערציילען וואס איהר האט גיהערט.

(2) ק ל י י ן.—אייער בעטראכטונגס־קראפט איז שוואך, איהר
געברויכט אייערע אויגען פיר אזוי וועניג צו קוקען אז איהר קענט
זיי האלטען צוגעמאכט. אייער בעגריעף וועגען געגענשטענדע וואס
איהר האט געזעהען איז א וויינערענדער.

(1) ז ע ה ר ק ל י י ן.—איהר זייט פאלקאם פון דעם זארט
וואס האבען אויגען אונד זעהען ניט.

# XLI—דיא אייגענשאפט פון געדיינקען גע־שטאַלטען.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט בעריהמט אלס איין בעאָבאכטער אונד אלס איינער וואס קען געדיינקען געשטאלטען, פאַסאנען אונד פארמען, אונד אויך איין פראכטפאללען אורטהיילער פון אנבליק. איהר קענט ביינאהע ניט פערגעססען דאס געזיכט אדער א בילד וועלכער האט געצויגען אייער אויפמערקזאמקייט.

(6) גרויס.—איהר קענט אוסגיעצייכענט געדאנקען געשטאלטען, פארמען, געזיכטציגע אונד אויסערליכע צייכענס. אונד ז. וו. אונד איהר זייט א גוטער מבין אויף סימעטרי. פארציאנען אונד דיא שענהייט פון געשטאלט. איהר קענט געדייגקען נעמען וועןָ אוהר האט עס געזעהן אויפגעשריעבען.

(5) פאָלקאָם.—איהר קענט גוט געדייגקען געזיכטען אונד געשטאלטען אבער עס צייגט זיך ניט אויס מיט בעשטענדיגקייט איהר זייט א נשקשה׳דיגער מבין אויף א פיגור אונד סימעטרי.

(4) דורכשניטליך.—איהר האט א היבשע ענטוויקלונג פון דיעזע אייגענשאפט, אונד ווען איהר זאלט זיך דיא מיה געבען קענט איהר זיך עררינערן געזיכטצינע, פאסאנען אונד ז. וו. מיט א היבשע אויסגעצייכענהייט,

(3) מיטעלמעססיג.—אייער געדעכניש פיר געזיכטער. געשטאלטען אונד פאסאָנען איז ניט זעהר פינקטליך אונד אויך ניט

דויערהאפט. אונד אייער מעגליכקייט צו דערקענען פערזאנען איז שוואך.

(2) קליין.—איהר האט א גאנץ שוואכערע געדעכניס צו ערינערן זיך געזיכטער, אונד פערגעסט באלד זאכען וואס איהר האט גיזעהען

(1) זעהר קליין.—איהר צייגט ארויס וויניג אדער גאר ניט פון דיעזע אייגענשאפט.

## XLII.—דיא מאָס.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט א גרויסע מעגליכקייט צו בעשטימען דיא וויטקייט. צאהל אונד מאָס. איהר קענט שאט־צען זעהר נאהענט בלויז מיט'ן אויג. דיא לייגג. ברייט אדער הויך פון אירגענד וועלכען געגענשטאנד. איהר האט א גוטע אויג צו מער־קען דיא מאָס. אונד בעמערקט מיט'ן בליק אז עס פעהלט עפעס צו דיא ריכטיגקייט אין דיעזע הינזיכט.

(6) גרויס.—איהר האט א פראכטפאָללע אויג צו מעס־טען ווינקלען, פערשיעדענע טהיילען אונד דיא גרויס. איהר זייט א גוטער מבין אויף דיא הארמאָני צווישען דיא פערשיעדענע טהיילען פון איין געגענשטאנד, אונד איהר ערגערט זיך אויב דיא פערשיע־דענע טהיילען זיינען ניט ריכטיג אדער עס פעהלט עפעס צו דיא פינקטליכקייט צו דעם ארט וויא עס דארף זיין.

[5] פאָלקאָם,—איהר בעזיצט א היבשע טהייל פון דיא מעגליכקייט צו מעסטען מיט'ן אויג, אבער עס פאדערט איבונגג אום

איהר זאלט ערווערבען דיא פּינקטליכקייט אין דיעזען אַרט.

(4) דורכשניטליך.—איהר האט בלויז א נשקשה דיגען מהייל פון דיא קראפט צו מעכטען מיט דיא אויגען, אבער דורך מעהרערע איבונגען קענט איהר עס היבשע פערבעסערען.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט קיין גוטער מבין אויף א מאָס אדער פּאָרציאָן. אונד איהר זאלט זיך ניט פערלאזען אויף דיא אויג וואס עס פאדערט זיך א פּינקטליכע מאָס.

(2) קליין,—איהר האט א שוואכען בעגריעף וועגען לייננ, ברייט, הויך אונד ז. וו., אונד זייט א קליינער מבין אויף פּאָרציאָנען.

(1) זעהר קליין.—איהר צייגט ארויס ווייניג אדער גאר ניט פון דיעזע אייגענשאפט.

## XLIII.—דיא וואָג.

(7) זעהר גרויס,—איהר בעזיצט א זעלטענע געשיקט־קייט אין באלאנסירען. איהר זייט זיכער אויף אייערע פיס. איהר פערטשעפּעט זיך אדער פאלט זעלטען. איהר בעזיצט א זעלטענע געשיקטקייט אין גליטשען, שווימען, זשאָנגלירען, (ווארפען מיט דיא הענד) וויעגען, שיפען, שפּילען באָל, רייטען אונד ז. וו., אונד האט א נאטירליכע בעקוועמליכקייט אין שטעהען אונד א גרויסארטינקייט אין גאנג. איהר פערשטעהט זעהר גוט דיא גיזעטץ פון געוויכט. אונד אויפצוהאלטען דיא ריכטיגע פערטהיילונג פון גלייכגעוויכט פון דיא וועלכע איהר קאָנטראָלירט. מיט גאנץ ווייניג איבונג וואלט איהר גיקענט בעווייזען וואונדערליכע קונצען אין געהען אויף א שטריק.

האלטען דעם ·באלאנס פון שטעקענס אדער אנדערע זאכען, אדער אין רייטען, שפּרינגען אונד ז· וו.

(6) גרויס—איהר בעזיטצט א גרויסען ענשאונגס בעגריעף פון דיא גיזעטין פון געוויכט. אונד א גרויס מעגליכקייט דאס אנצו־ווענדען, איהר האט ליעב בעוועגונגען וועלכע ענטהאלטען דיא קונסט פון באלאנסירען, וויא·צום ביישפּיעל: רייטען גליטשען, שיסען. אונד שפּילען באל, איהר האט א שטענדיגע האנד אונד א זיכערע פוס. איהר האט ליעב צו געהען אין שמאלע געפעהרליכע פּלעטצער. איהר ווענדעט אָן נאטירליכע בעגעהמונגען. עס פערשאפט אייך אונאנגע־נעהמליכקייט צו זעהן אירגענד וואס אויסען וועג אדער ניט ריכטיג באלאנסירט. אונד מיט גרויס אייגענשאפט פון מעכאניזום בעזיצט איהר פיעל נאטירליכע מעגליכקייט צו בריינגען מאשינעריי אין בע־וועגונג.

(5) פאלקאם·—איהר האט א גוטע דעה איבער אייערע מוסקולען, אונד מיט איבונגען קענט איהר גוט באלאנסירען, אבער איהר בעזיצט ניט קיין בעזאנדערס גרויסען בעגריעף פון דיא געזעטין פון געוויכט.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט בעשריעבען אין (5) אבער אין א שוואכערען גראד. אייך פאדערט פיעל איבונג אום צו קענען גוט באלאנסירען.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר האט וויניג געשיקטליכ־קייט אין באלאנסירען, אונד אייך פעהלט דיא שעטצונג פיר דיא געזעטץ פון גלייכ־געוויכט, וועלכע גיט דיא מעגליכקייט צו רייטען,

גליטשען, שיסען אדער זיך וויעגען גוט. איהר זאלט ניט פּרובירען צו געהען אויף הויכע, שמאָלע פּלעטצער.

(2) קליין.—עס איז אייך קוים מעגליך אריבערצוגעהן א ברייטע ברעט איבער א גרוב. איהר פיהלט א שווינדעל ווען איהר זייט אויף א הויכען פּלאַטץ. איהר בעקומט שנעל זעע־קראַנקהייט. איהר זייט ניט קיין גוטער רייטער. גליטשער אונד טרעפט ניט אין ציעל.

(1) זעהר קליין.—איהר האט ווייניג פעהיגקייט צו שעטצען דיא ווירדע פון געוויכט אונד זייט ניט אימשטאנדע צו האלטען אייערע מוסקולען אויפריכטיג.

## XLIV.—דיא פארב.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט א ליידענשאפט פיר קאָלירען, אונד א אינטינקטיווען בעגריעף פון זייער הארמאָני. איהר קענט אראנזשירען אונד פערמישען אללע קאָלירען אונד פארבען אין מאָהלען אדער צו איין אנדער צוועק, מיט גרויס געשיקטליכקייט. אלס א מאהלער וואהלט איהר זיך אויסנעצייכענט מיט קאָלירען, ניט ריכטיגע פארבען אדער ווען זיי זיינען ניט אראנזשירט מיט הארמאָני פערשאפט אייך שמערצען.

(6) גרויס.—איהר זייט וויא עס איז בעשריעבען אין (7) אבער אין א שוואכערען גראד.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט א גוטער מבין אויף קאָלירען אונד פערשטעהט וועלכע פארבען עס פאסען זיך איינע צו

ריא אנדערע. אבער אייך פעהלט איבונג אום איהר זאלט קענען ריכטיג בעשטיטען דיא פיינערע פארבען אונד וויא עס צו פערמישען.

(4) דורכשניטליך.—איהר זייט אזוי וויא עס איז בעשריעבען אין (5) אבער אין א שוואכערען גראד.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט פון דער נאטור ניט זעהר פעהיג צו אונטערשיידען קאָלירען. בלויז גלאנצענדע קאָלירען אונד גרויסע קאנטראסטען ציעהען אייער אויפמערקזאמקייט. מיט אסך איבונג זייט איהר אימשטאנדע צו ערווערבען דיא געשיקטליכקייט פון מב'נות אויף דיא ערשטע קאָלירען אונד וויא דאס ווערט געוועהנליך אראנזשירט.

(2) קליין.—איהר זייט זעהר שוואך אין בעגרייפען דיא פארבען אונד קימערט זיך וויינינ וועגען דעם.

(1) זעהר קליין.—איהר האט ניט ליעב קיין קאלירען, אונד האט א גאנץ קליינעס בעגריעף אין דיא פינקטליכקייט וואס דאסווארט פארב בעדייטעט. איינער וואס קען ניט דערקענען דעם אונטערשיעד פון קאלירען, קען בעטראכט ווערען אלס איין אידיאָט אין דיעזען בעצוג, ווייל איהם פעהלט דיא אייגענשאפט.

## XLV.—אָרדנונג.

(7) זעהר גרויס.—איהר זייט אויף דיא העכסטע שטופע סיסטעמאטיש. איהר זייט זעהר פינקטליך דאס יעדע זאך זאל זיין אויפ'ן ריכטיגען פלאטץ. איהר זייט פינקטליך, צו דער צייט אונד

זייט רעגעלמעססיג זאָ אז עס גרייכט שוין צו א פעהלערהאפט, אונד אויב איהר וועט זיך ניט דיא מיהע געבען צו בעשרענקען דיעזע איי־גענשאפט וועט איהר פערליערען צופיעל צייט אין האלטען יעדע זאך פינקטליך. אָדער צו מאכען אין אררנונג, וואו אנדערע צו שטערען נאך אייער מיינונג. איהר זייט געניינט צו זיין מעהר שעהן אלס קלוג.

(6) גרויס.—איהר זייט גענייגט צו זיין זעהר רעגולארנע אין אררנונג. אונד סיסטעמאטיש אין אללע אייערע אראנזשירונגען. מאנכעס מאל זייט איהר צו פינקטליך אונד רעגעלמעססיג. איהר האט אויף אללעס א פלאטץ. אונד ווען איהר זעהט אירגענד וואס ניט אויף א ריכטיגען פלאטץ פערשאפט עס אייך אונאננעהמליכ־קייט. אויך ווען דיא וואס זיינען ארום אייך שעצטען ניט אייער נע וואהנהייט צו פיהרען אללעס מיט א מעטהאָדע. אונד נאכצוקומען פינקטליך אייערע רעגעלען אין אָרדנונג.

(5) פאלקאם.—איהר זייט סיסטעמאטיש אונד מיט א'ן ארדנונג. איהר האט ליעב צו זעהען וויא יעדע זאך איז אויף'ן ריכ־טיגען פלאטץ. איהר זייט אונטערוואָרפען צו זיין פינקטליך אונד פאר־זיכטיג אין קליידען זיך. אבער איהר זייט ניט קיין שקלאף צו דיא מעטהאָדע. אונד ווען מען קען ניט אויסמיידען אונארדנונג גיט איהר זיך אונטער מיט'ן גוטען ווילען, איהר זייט מעהר פינקטליך אין טהעארי אלס אין פראקטיק, סיידען איהר האט גילערנט א נישעפט וואו דיא מעטהאָדע איז איבערהויפט נויטווענדיג.

(4) דורשניטליך.—איהר האט ליעב ארדנונג אונד

וועט זיך געבען דיא מיהע דאס הערצושטעלען. אבער איהר ערלויבט אויך אונארדענונג זאל זיך אפט ארויסצייגען. איהר זייט ניט אונ־טערוואָרפען צו זיין פּינקטליך. רעגעלמעסיג אדער מיט דיא געוואוהנ־הייטען פון א׳ן אלטע מויד.

(3) מיטעלמעססיג.—איהר זייט ניט זעהר נעט אונד אונפּאַרזיכטיג ביין קליידען זיך אונד אין געוואהנהייטען. זעהר זעלטען האט איהר א פּלאַטץ פיר וואס. אונד אויך זעלטען האט איהר איר־גענד וואס אויף׳ן ריכטיגען פּלאטץ. איהר פיהרט אייער געשעפט אהן א׳ן ארדנונג אונד וואס איהר טהוט איז ניט אויף א גיהעריגען ארט.

(2) קליין.—וואס איהר טהוט איז אונפּארזיכטיג, אהן א מעטהאָדע. אונד ניט אקוראט, אונד זייט געניינט צו זיין אונ־זיבער אונד אהנע ענערגיע אין אייערע געוואהנהייטען.

(1) זעהר קליין.—איהר שעצט וויניג ארדנונג, נעט־קייט אדער סיסטעמע, אונד צייגט ניט ארויס קיין פעהיגקייט צו ארראַנזירען.

## XLVI.—רעכענונג.

(7) זעהר גרויס.—איהר בעזיצט איין זעלטענעם נא־טירליכען טאלאַנט צו רעכענען. פערמעהרען אדער צוטהיילען אין געדאנקען. איהר קענט אויפלעזען שווערע מאטעמאטישע אויפגאבען דורך אייער אינסטינקט, אונד האט הנאה פון רעכענען אונד סטא־

טיסטיקעס אונד פין אללעס וואס עס דארף געטהון ווערען דורך רע־
כענען

(5) פאָלקאָם.—איהר עררייכט א גוטען רעזולטאט אין רעכענען מיט ציפערן. אבער איהר צייכענט זיך ניט אויס אין רע־
כענען אויפ'ן קאפ. אין געדאנקען.

(4) דורכשניטליך.—אייך פעהלט אסך צו לעהרנע אונד צו פראקטיצירען אום איהר זאלט ערווערבען דיא אייגענשאפט לייכט צו רעכנען, אבער דורך דעם קענט איהר גאנץ פיין שטייגען.

(3) מימעלמעססיג.—עס איז אייך שווער צו געדיינקען ציפערן. אונד קענט ניט שנעל אדער פינקטליך אויפרעכענען. ארונ־
טערנעהמען, פערמעהרען אדער צוטהיילען. איהר בעטראכט רעכע־
נונג אלס איין אָנשיקעניש, אונר איהר דארפט ניט וועלען ווערען איין בוכהאלטער אדער איין בעל חשבון.

(2) קליין.—איהר זייט טעמפ אונד שווער אין לערנען רע־
כענען, אונד זייט פיעלייכט וויא דזאדז קאָמב, וועלכער האט קיין מאל ניט גיקענט וויסען דעם רעכענונג צו פערמעהרען (כפל), און איהר פיהלט ניט קיין טעם אין ציפערן אונד זייט ניט איטשטאנדע צו געדיינקען.

(1) זעהר קליין.—איהר האט קוים דיא מעגליכקייט צו צייכען. אונד גאנץ ווייניג מעגליכקייט צו רעכענען. אונר זייט ניט בעגליקט מיט דיעזע אייגענשאפט. אויב איהר וועט אנערקענען אייער מאנגעל אין דעם וועט איהר זיך ניט אונטערנעהמען קיינע מאטהע־
מאטישע אויסרעכענונגען.

# XLVII.—דיא איינענשאפט צו געדיינקען פערשיעדענע געגענדען.

(7) זעהר גרויס.—איהר האט איין אונזעטיגע ליעבע צו רייזען, אונד ווילט זעהען דיא וועלט. אונד האט א זעלטענעם זכרון אונד געדיינקט דיא געגענדען וואו איהר זייט גיוועז. איהר האט איין אינסטינקטיווען בעגריעף פון ריכטיגע פלעטצער אונד געגענדען. אונד איהר קענט קיין מאל ניט פערליערען דיא וועג אין א וואלד אדער אין דיא גאסען פון א פרעמדע שטאדט. איהר זייט גענייגט צו זיין צו וואנדערענד אונד ניט בעשטענדיג אין אייערע געוואהנהייטען. אונד צו פערצעהרען אייער גאנצע געלד אונד צייט אויף רייזען.

(6) גרויס.—איהר האט א שטארקען וויללען צו רייזע אונד זעהען געגענדען. איהר האט הנאה פון ביכער וואו עס איז בע־שריעבען פון רייזען. איהר זייט שטארק פאראינטערעסירט אין דיא שטודיאום פון געאָגראפי אונד אסטראָנאמי. איהר פערגעסט זעל־טען א געגענד וועלכען איהר האט איין מאל גיזעהען, אונד קענט געפינען אייער וועג אירגענד וואו, אזוי וויא ביין אינסטינקט. איהר ווילט זיין א גוטער פאָרשער אין געדאנקען.

(5) פּאָלקאָם.—איהר געדיינקט גוט געדאנקען אונד האט הנאה פון רייזען אונד פון ביכער וואו עס איז בעשריעבען וועגען רייזען, איהר געפינט אייער וועג גאנץ געוועהנליך. אבער איהר זייט ניט בעזאנדערס בעגאבט אין דיעזע איינצעלהניטען.

(4) דורכשניטליך,—אייער געדיינקען גענענדען איז ניט שלעכט, אבער איהר האט ניט קיין גרויסען וואונש צו רייזען אדער צו זעהען פרעמדע מדינות, אונד קענט צייטענווייז פערליערען אייער וועג. פערבלאנדזען.

(3) מיטעלמעססיג—אייער געדיינקען געגענדען אי; שוואך. אונד ווינשע צו זיין צוהויזע מעהר אלס צו רייזען, אונד צייטענווייז פערליערט איהר זיך אין פרעמדע געגענדען אונד ווייסט ניט וואו איהר זייט אהינגעקומען.

(2) קליין.—איהר האט א גאנץ שוואכען געדעכניס פון געגענדען, אונד עס איז אייך אַגאר שווער אויסצוגעפינען בעקענטע געגענדען.

(1) זעהר קליין,—אייער געדעכניס אינסטינקט פיר געגענדען איז אזוי שלעכט אז עס איז אייך זאגאר שווער צו געפינען דיא וועג צו אייער היים פון דיא נאכבארשאפט.

## XLVIII.—דיא אייגענשאפט צו געדיינקען פאסירונגען.

